STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10201

# GEZAMLTE SHRIFTN

Abraham Reisen

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אברהם רייזען

# געזאמלטע שריפטן

פארלאג „פרייהייט"

ניו יארק, 1928

Copyright, 1928
by the
FREIHEIT PUBLISHING ASS'N, Inc.

פינפטער באנד:

# ליעדער

# אין מיטען וועג.

## אין מיטען וועג

איך שטעל זיך אב אין מיטען וועג.
איך הויב אָן וואָס דערמאָנען,
איך הויב אָן וואָס דערקאָנען —
איך הער א גרוס פון אלטע טעג.

דער גרינער בוים ביי'ן וואסער שטעהט,
ער שטעהט שוין אַנגעבויגען —
א פויגעל איז פערביי געפלויגען —
דאָס הארץ איז פול מיט שרעק און פרייד...

## דער פערלאָרענער גלויבען.

בין איך מיר געגאנגען
זוכען יענעם גלויבען
פון די טעג די אלטע,
וואָס איך האָב פערלאָרען.

* * *

עס בעפאלט דער אָווענד —
פינסטער איז דער הימעל.
ווי מיט פעך פערגאָסען —
זעלטען בליצט א שטערען.

גיט א שטילען ציטער
און ער ווערט פערשוואונדען,
און דער הימעל ווידער
טוט זיך אָן אין שווארצען.

און א דיקער פּחד
לעגט זיך אויף דיין זעלע,
און די אויגען זוכען
ערגעץ ווייט א ליכטעל.

צינדסטו אָן דיר ליכטער
ערגעץ־וואו געבאָרגטע,
און דו ווילסט די שרעקען
מיט דער שיין פערטרייבען.

פרעמדע ליכטער! מאַכען
ליכטיגער דערנעבען;
אין דער ווייטער ווייטקייט
הענגט דערזעלבער חושך.

האָב איך מיך געלאָזען
אין אַ וועג אַ ווייטען
אויפזוכען מיין גלויבען,
יענעם ריינעם, העלען.

ווייט דער וועג ליגט הינטער,
הינטער שטעדט און לענדער,
הינטער טיעפע ימים,
וועלכע ברויזען מעכטיג.

* * *

אין אַ קליינעם שטעדטיל
שטעהט אַ שול אַ גרויסע;
פריה און אָוונד רוישען
דאָרטען אַלטע תפלות...

ביי דער טיר אין ווינקעל
לויכט שטיל דער נר תמיד,
צוויי ליכט שמעלצען, צאַנקען
ביי דעם אַלטען עמוד.

ערגעץ אין אַ ווינקעל
שטעהט אַ גראָהער אַלמער,
אָנגעפילט מיט ספרים —
קומט מיט מרה שחורה...

אין די אלטע ספרים
קום איך זוכען לעבען...
נייעס לעבען, קרעפטען
העלע, ריינע בליקען...

און איך האב געבלעטערט
איין בלאט נאכ'ן צווייטען
און געזוכט בעלויכטונג
פאר מיין וועג, דעם לאנגען...

נאהענט אלע אותיות,
און בעקענט די ווערטער,
דאך דער זין — פערגעסען,
פרעמד אזוי און פינסטער...

כ'האב אין גראהען אלמער
אויפגעזוכט מיין קינדהייט. —
דארט איז זי געלעגען,
ווי א טויב אהן פליגלען.

און געברומט מיט וועהטאג
און געקלאגט מיט וועהמוט
און געבעטען רחמים:
פליגעל! פליגעל! פליגעל!...

## הערבסט-געדאנקען

ביי מיין פענסטער בליהט אן אקאציע —
שוין שפעט, שוין שפעט:
עס קומט א פויגעל צופליהען און טשוויטשערט,
און רעדט און רעדט:

„עס וועט די אקאציע פערוועלקען, דאך בליהען —
צוריק, צוריק!
און דו וועסט שטארבען און קיינמאל ניט וויסען
פון גליק, פון גליק!..."

## ווער?

אבגעהאקט די פליגעל
האָט מען דיין געדאנק...
ווער האָט דיר געטאָן עס —
ווייסט ניט—ס'איז שוין לאנג!
אפשר, אין דיין קינדהייט,
אפשר, נאָך אין וויגעל,
האָט דיין מאמעס ליעדעל
דיר געשאדט די פליגעל?

אָדער גאָר דער חדר,
נידעריג און ענג:
איילען פיר די ברייטקייט,
איילען פיר די לענג:
און דער געלער רבי
מיט'ן געלען אלף —
איז פאר דיינע פליגעל
גאָר געוועזן דער חלף?

אָדער שפּעטער, שפּעטער,
ביסט פון חדר פריי,
און דיר ווינקען וועגען,
ברייט און גרין און ניי,—
נאָר די נויט בעוויזען
האָט זיך באלד אין מיטען
און די פליגעל דיינע
בייז דיר אבגעשניטען?...

## ווי שטיל

ווי שטיל איז אין וואלד, און ווי שען!
א רוה אויסגעגאסען —
זייט שטיל, מיינע זארגען, זייט שטיל —
אין הארץ ליגט פערשלאסען!

ניט רודערט, ניט צאפעלט, ליגט שטיל,
איך שעם זיך אייך צייגען
פאר בלעטעלעך, בלומען אין גראז,
פאר ערנסטע צווייגען.

שלאפט איין, מיינע זארגען — שלאפט איין.
און הערט צו דעם ניגון
פון פייגעלעך, פליגלעך אין וואלד
און לאזט אייך פערוויגען!...

## אַ ראַטה

אַ, היט זיך מיט דיין רעדען —
דיין וואָרט, עס קומט פון האַרץ.
די גאַס וועט עס צוטרעטען
און מאַכען ברודיג, שוואַרץ.

דו רעדסט אַן אַנדער לשון,
עס קלינגט ווי אַ געזאַנג,
און דאָ דאַרף מען דעם גראָשען,
זיין דומפּיג־שווערען קלאַנג.

און אַלע פרעמד כסדר,
געפינסט קיין פריינד אין זיי:
פערשפּאַר זיך אין דיין חדר
און שטילערהייט פערגעה!...

## פלוצלונג ווערט דיר אומעטיג

...פלוצלונג ווערט דיר אומעטיג,
פיהלסט זיך ווי געבייגענער:
האָט געריהרט דער וועלט־שמערץ דיר,
צי דער שמערץ, דער אייגענער?

קוקסט אין גאַס אַן יעדערן
אין דעם בליק — בעליידיגונג,
אָדער ווי פערוואורטיילטע
וואַרטען אויף בעגנעדיגונג...

לאָזטו זיך אהיים צוריק
שוין אַ מיד געוואָרענער,
און דו וואַרפסט זיך אויפ'ן שטול
ווי אַ לאַנג פערלאָרענער...

זיצסטו אַ פערזונקענער,
זיצסטו לאַנג און קלעמסטו זיך,
וואָלסטו וועלען תפלה טהאָן —
פאַר דיין שאָטען שעמסטו זיך...

## דריי צייטען...

דו זעהסט דארט צוויי בייגאנד,
זיי שפילען זיך אין זאמד:
זיי שפיעלען זיך און יאגען זיך,
און פרעהען זיך און טראגען זיך...
א, קינדער, קינדער צוויי!
די וועלט געהערט צו זיי.

דו זעהסט זיי צוויי באנאנד,
זיי געהען האנד אין האנד:
זיי האלזען זיך, זיי דריקען זיך,
זיי קושען זיך, זיי קוויקען זיך...
דאס איז די יוגענד־פּאר,
דאס איז — א נייער דור!

דו זעהסט דארט איינעם געהן
אליין, אליין, אליין!
אין האנט א שטעקען האלט ער,
קוים־קוים ער געהט, באלד פאלט ער...
ווער איז דאס? ציטערסט אויף?
דאס איז דער סוף, דער סוף!

## לעבענס-אנגסט

עס בעפאלען מיך אנגסטען פון לעבען,
עס בעפאלט מיך פון לעבען דער שרעק.
און וואו נאָר דו זאָלסט א בליק געבען,
איז צער און טרערען אָהן ברעג...

עס זיינען דאָ מענשען, וואָס לאַכען
און ווייזען מיר שמחות אָהן צאָהל...
און הייסען מיר פרעהליך זיך מאַכען —
איך פאָלג זיי און טו עס צומאָל.

דאָך געה איך פאר־טאָג פון די פריידען,
דערזעה איך די „פרוי" ביי א ראָג;
און אנדערע מענשליכע ליידען —
און ס'שרעקט מיך דער קומענדער טאָג...

## צווייערליי צער.

איך טראָג אין האַרץ א גרויסען צער —
ער איז ניט מיינער;
אַ, וועלט, נעם צו פון מיר דעם צער,
ער איז דאָך דיינער.

איך האָב ביי דיר גענומען איהם,
ביי דיינע קינדער,
געוואָלט איהם לויטערן אין האַרץ,
איהם מאַכען לינדער...

נו, וואַקסט ער דאָרט ביי מיר און וואַקסט
און ווערט אַלץ שווערער;
אַ, וועלט, נעם צו דיין צער פון מיר,
איך קאָן ניט מעהרער!

מיין אייגען צער איז גרויס גענוג
און גרויס מיין ליידען —
עס האָט מיין אָרים האַרץ ניט מעהר
קיין פּלאַץ פאַר ביידען!...

## דאָס פערשפּעטיגטע ליעד

דו האָסט פערשפּעטיגט מיט דיין ליד,
דו ביסט אליין געקומען;
די וועלט איז יונג, און דו ביסט מיד.
די וועלט האָט זון און בלומען

פערשפּעטיגט ליד! ניט פאַל אראָב,
דו וועסט צוריק פריה ווערען,
ווען טאָג פערלעשט זיין לעצטען שטראַל
און נאַכט פערלעשט די שטערען!...

## עס איז געווען...

עס איז געווען אמאָל...
ווי לאנג — ניט פרעגט —
דער שטויב פון לעבען האָט
די צייט פערדעקט...

איך בין געלעגען
אונטער א בוים...
דאָס הארץ פול ליעבע,
דער קאָפּ — פול טרוים...

און אויף דעם בוים
האָב איך געהערט:
א פייגעל זינגט
גאָר אונגעשטערט.

א פייגעל זינגט,
א פייגעל לאכט...
מיין צוקונפט דאָן
האָב איך געמאכט.

טשיריק, טשיריק:
א קוש, א דריק,
טשיריק, טשיריק:
א ווייטער גליק!

טשיריק, טשיריק:
עס קאַכט דאָס בלוט;
טשיריק, טשיריק:
די וועלט איז גוט...

---

פלוצים אין דער הויף געהויבען
האָב צום בוים איך מיינע אויגען;
וויסט דער צווייג איז דאָרטען אויבען —
ס'איז דאָס פייגעלע פערפלויגען...

כ'האָב געזעהן איהם פליהען, פליהען,
זיינע פליגעלעך צענומען;
מיינע האָפענונגען, גליקען —
אויף די פליגלען מיטגענומען...

וואו־זשע זוכט מען אויף דעם פויגעל?
כ'האָב געוואנדערט טעג און יאָהרען;
ניט געפונען איהם שוין קיינמאָל
און מיין גליק — זינט דאן פערלאָרען!

## פרייד און טרויער

צווישען דער פרייד און דעם טרויער
שטעהט א מויער...

די פרייד וואָלט אמאָל
צום טרויער געגאנגען —
צו הויך איז דער מויער,
זי קען ניט דערלאנגען.

מ'דארף קלעטערן, שטייגען —
דאָס קען ניט די פרייד:
זי קען נאָך צורייסען
איהר זיידענע קלייד.

דער טרויער וואָלט אויך
מיט דער פרייד זיך בעקענט,
דער מויער איז הויך
און קורץ — זיינע הענט...

און ווילען זיי מאַכען
די הערצער זיך גרינגער,
דאַן קלאַפּען זיי אָן
אין וואַנט מיט די פינגער.

די פרייד רעדט פון טרויער,
דער טרויער פון פרייד
און איינער פערשטעהט ניט
דעם אַנדערענס רייד...

## אויפ׳ן ים

1.

און ווידער דער ים און די וועלען־בערג ווידער,
און ווידער די פויגעל בעגלייטען פון הינטען
און שרייען און לאר׳מען מיט ווילדען גערודער,
און ווידער די שטורעמס, די קרעכצענדע ווינטען...

און ווידער אין שיף, אין דעם איינזאמען, גרויסען,
אין מיטען דעם הימעל, אין מיטען דעם וואסער.
און ווידער, אָ, וואנדערסטו מיד און פעשרטויסען,
דו אָרימער מענשעל, דו טרוי׳ריגער, בלאסער!

וואוהין און צו ועם און צו וואָסערע צילען?
דאָס גליק ליגט בעהאלטען אין אָבגרונד אין טיפען,
דער ים וועט דיין דארשט נאָכ׳ן גליק דיר ניט שטילען,
דיך וועלען ניט ברענגען צום איהם קיינע שיפען...

## 2.

טראָגט זיך אויפ'ן ים א שיף,
אויפ'ן מיטען ים;
פריי דאָס וואסער, פריי דער ווינט,
אָהן קיין שטער און צאָם!

ווינט און וואסער דרעהען זיך,
ווייסען נישט פון רוה;
ווינט און וואסער האלזען זיך,
שמועסען אויף דו...

אויפ'ן דעק פון שיף שטעהט קוים
ס'מענשעלע, דער האר,
שפארט זיך אָן פּאַרענצען אָן,
ציטערט פאר געפאהר...

קוקט פון ים דעם ווילדען שפּיל —
די געפאהר איז גרוים —
קוקט און הערט, ווי ים און ווינט
לאַכען הויך איהם אוים!...

3.

## די בערוהיגונג

בערוהיגט איז דער ים. שטיל קייקעלט ער די וועלען
און ליטער קוקט ער מילד צום הימעל צו דעם העלען.
עס דאכט זיך, ער, דער ריז איז צום בעשלוס געקומען:
ניט העלפען וועט זיין ווארפען זיך, זיין ליארעמען און ברומען.

און אלע זיינע שטארקע, ריזיגע פערלאנגען
וועט ער שוין קיינמאל ניט אין שטאנד זיין צו דערלאנגען.
אויך איהם האט גאט בעשטימט געוויסע וועגען
און קיינמאל וועט ער ניט ארויס פון זיינע ברעגען...

4.

עס האָט צו מיר אַ װאָל גערעדט:
„נענוג געװאַנדערט שוין, פּאַסט!
דו מיינסט, די װעלט איז װירקליך גרױס? —
אַך, נאָך אַ י י ן רײזע, און שוין אויס!

אַ קײלעכדיגע איז די ערד —
דאָס האָט מען לאַנג שוין, לאַנג דערקלערט.
און װאו דו לאָזט זיך זוכען גליק —
דו קומסט צום זעלבען אָרט צוריק"...

## 5.

## אויפ׳ן וואסער

מיר זיינען אלע אויפ׳ן וואסער בלויז;
מיר שווימען שטאָלץ און דרייסט און זיכער.
און איילען זיך צו קומען גיכער
צו דער בעשטימטער שעה צו הויז.

מיט האָפנונגען איז פול דאָס הארץ און פיעל,
און פול מיט אויסגעטראַכטע גליקען;
מיר הויבען דאַרשטיג אונז׳רע בליקען
אהין, אהין צום ברעג, צום ציל!

אָט באלד, אָט באלד! — עס שאלט דאָס ליעד:
דאָס הארץ מיט היימליכע געפיהלען,
די כוואליעס וויגען זיך און שפילען,
זיי גלעט א לינדער ווינט פון זיד...

נו, קומט אַן אייז־בארג אָן פון נאָרד,
ער קומט מיט קעלט און טויט געצויגען,
מיט טויזענט שפיצען, טויזענט אויגען —
און ס׳פלאצט די שיף, ווי אַן אַקאָרד...

## דער ניגון

איך האָב איהר זאָגען פיעל געוואָלט
און האָב געשוויגען;
דאָס וואָרט וואָלט קאַרג און קאַלט געוועזן,
עס ברויך אַ ניגון...
דער ניגון האָט אין האַרץ גערוהט,
און טיף פערשלאָסען;
כ'האָב שפּעטער ערשט פאַר שטיין און בוים
איהם אויסגעגאָסען.

## ווען?

ווען דריק איך צו מיין ברוסט!
אין דער נאכט פון שטילער לוסט?
ווען ליבן פרעס איך צו
אין דער נאכט פון צארטער רוה?

א, די נאכט, זי גייט ארום
און זי מוסר'ט שטיל און שטום:
וואס פערשוועגדסטו מיך אומזיסט,
ניט געהאלזט און ניט געקוסט?

איך בין שטום און איך בין בלינד,
און דו, ארים מענשען־קינד,
בלאנדזשעסט אומ'עט אזוי שפעט
אהן א מיידעלס האנטס א גלעט.

## א טראָפּען...

א טראָפּען לעבענס־פרייד
אין כוס פון לייד
מיר גיסט אריין
און לאָזט מיך שכור זיין !...

איך בעט מיט אויסגעשפּרייטע הענט:
נאָר איין מאָמענט !
בעפרייען זיך פון יאָך,
און שטארבען גלייך דערנאָך !

# קענסטו?

(פון פרץ)

קענסטו, מיין ליעבסטע, דאָס פעלד,
וואו אלע דורות
זייהען מיט טרערען?

קענסטו, מיין ליעבסטע, דאָס פעלד,
וואָס האָרעוועט שטיינער
און נעהרט בלויז ווערים?

קענסטו, מיין ליעבסטע, דאָס פעלד,
וואו צווישען די זאַנגען
בליהט דאָרט מיין האָפען?

קענסטו, מיין ליעבסטע, דאָס פעלד,
וואו מיין הארץ און מיין ליעבע
וועלען ווען עס איז שלאָפען?...

## מיין בעט

איך האָב אלץ שוין בעזונגען,
פון פיעלעם געדעדט,
נאָר קיינמאָל געווידמעט
קיין שורה מיין בעט.

אַ פריינדין מיין בעסטע
אין נעכט אלערליי,
אין נעכט פון פיעל פריידען,
אין נעכט אויך פון וועה!

וואָס האָב איך מיין בעטעל
שוין נישט אנפערטרויט ? —
דעם סוד פון דער ליעבע,
דעם סוד פון דעם טויט.

די הייסטע פערלאַנגען,
דעם העכסטען בעגעהר,
די זיפצען, די טיפסטע,
די אמת'ע טרער...

## אין קאפע

כ'האב ליעב אוועקצווזעצען זיך אין ווינקעל פון קאפע
און טראכטען, טראכטען לאנג פון היים, פון ליעב', פון וועה...
ס'איז אנגענעהם אזוי און ליעב, און זיס, און גוט —
אין קאפ ווערט שטיל — די אלטע זארג — זי רוהט...

איך בין א נייער מענש — א ביסעל מיד און קראנק,
מיין ווילען שוואך, דאך שטארק, וואוילינגעריש איז מיין געדאנק,
ער פליהט די גאנצע וועלט ארום און קומט צוריק
און ברענגט פון אלע עקען וועלט צו ביסלעך גליק..

„איטאליען"! אך, ווי היימליך קלינגט דער קלאנג!
נאר מיין געדאנק — ער האלט זיך דארט ניט לאנג:
יאפאן איז שענער נאך און פול מיט סוד און טרוים;
מצרים, וואו עס פליסט דער ניל, און ס'בליהט דער
פאלמענבוים...

און קאליפארניען! אך, דארט בליהט איצטער פרוכט!
(ער האט א ראזען-עפעל אבגעריסען, גלייך פערזוכט:
אך, מיין געדאנק, ער האט אזוי פיעל מוט און קראפט:
ער בייסט די עפעל, און עס פליסט און רינט דער זאפט!)

און באלד פערשווינדט ער ווייטער, ווייטער נאך
דארט אין מאראקא זיינען שעהנע טעכטער דאך:
די אויגען שווארץ, די קערפערס ברוין און שלאנק...
(אומארעמט איינע האט שוין מיין געדאנק!)

איך זיץ אין ווינקעל אין קאַפע ביים קליינעם טיש...
די גלאָז איז קאַלט, מיין שוואונג נאָך היים און פריש...
אָך, מיין געדאַנק — ער וואָלט נאָך ווייטער ערגיץ־וואו,
אָך, שאַדע... ש פּ ע ט... מען מאַכט די קאַפע צו!

## צו מיין גליק

דיקער טרויער דעקט מיין הארץ...
פינסטער, פינסטער, טריב און שווארץ...
און א וואָלקען פאר מיין בליק
ציהט פאַראוים, פאַראוים —
אַ, ווי שווארץ און גרוים!.. .
רעטע, רעטע זיך, מיין גליק!

גליק מיינס, גליק מיינס, נעם זיך רעכטס;
זעה, ווי ס'טראָגט און יאָגט דאָס שלעכטס
מיט אַן אימפעט און געלויף...
זעה דעם שטויב, דעם שטויב;
אַ, דו ווערסט צו רויב! —
רעטע זיך, מיין גליק, אנטלויף!..

## דער בוים בײַם פֿענסטער

עס פּייפֿט דער ווינט. דער בוים אין פֿענסטער
קלאַפּט אָן מיט זײַנע צווייַגען,
פּונקט ווי מיט דראָהענדיגע פֿינגער —
ער וויל מיר אומגליק צייגען..

איך קום אַרויס — די בלעטער זײַנע
פֿערוועלקט, פֿערדאַרט און שיטער;
און אונטען ליגען זיי צעשפּרייטע
פֿון בייזען הערבסט־געוויטער...

איך קוק אַרײַן אין שפּיגעל מײַנעם,
פֿון שרעק אַדורכגעדרונגען;
אַ גרויע האָר, אַ קנייטש אין שטערן —
מײַן הערבסט האָט אָנגעקלונגען.

## איך האָב אין לעבען...

איך האָב אין לעבען גליק געוואָלט,
געזוכט פון לעבען בלויז דאָס גאָלד...
געזוכט אין היילען און געגראָבען
געוואָלט דאָס גליק און גאָלד צו האָבען..

אָ, קיינער האָט ניט קיין בעגריף,
ווי ווייט געגראָבען און ווי טיף...
ס'איז גרויס געוועזען מיין פערלאַנגען,
איך האָב דאָס גאָלד געוואָלט דערלאַנגען.

אומזיסט דאָס לעבען אָבגעבלייכט:
איך האָב דאָס גאָלד ניט דערגרייכט;
איך גראָב און גראָב און ארבייט פלייסיג
צעהן יאָהר און צוואַנציג, אָט איז דרייסיג...

און איינמאָל... שפּעט אין נאַכט געוועזן,
האָב איך אין שפּיגעל זיך דערזעהן,
און האָב זיך ווי פון טויט דערשראָקען:
אָ, זילבער... זילבער — מיינע לאָקען!...

# פון אייגענעם קוואל.

# אני מאמין

מיט א טרויעריגען ניגון —
און די אויגען פלאמען —
ברומט דער איד ביים דאווגען היימליך,
פליסטערט „אני מאמין“:

„אני מאמין, ברומט ער טעגליך —
מארגען, היינט, צי שפעטער,
ווארטען וועל איך אויף משיח —
קומען, קומען וועט ער...

„זאל עס זיין נאך לאנג צו ווארטען,
זאל ער זיך פערזאמען —
איך וועל ווארטען, ניט אויפהערען
זאגען אני מאמין...

„זאל דער גלות זיין ווי ביטער,
זאל מען שווערער פרעסען; —
איך וועל אני מאמין זאגען
קיינמאל ניט פערגעסען...

„אויף דיין הילף, מיין פאטער, האף איך,
וועלטען קאן איך טראגען;
און געדולדיג וועל איך טעגליך
אני מאמין זאגען“...

## אויף אַ פערד אַ ווייסען...

אויף א פערד א ווייסען
וועט משיח קומען,
האָב איך אין מיין קינדהייט
ציט'ריג שטיל פערנומען,
און אין הארצען האָבען
יונג געבליהט פאַנטאַזיען,
ווי די רייגסטע בלומען.

*

שוין פערפלויגען זיינען
פיעלע, לאַנגע יאָהרען —
ס'לעבען האָט דערעסען,
משיח'ן פערגעסען...
דאָך דאָס פערד, דאָס ווייסע,
פון דער שענער מעשה
לעבט נאָך אין זכרון.

ווי דאָס גאַנצע לעבען
שלעפּט זיך שווער מיט פּלאָגען!
היי, דו פערד, דו ווייסער,
קום און זאָלסט מיך טראָגען.

טראָג מיך, וואו ס'איז פרידען,
וואו אתרוגים בליהען,
ווארט ניט אויף משיח —
לאָמיר ביידע ציהען!..

## דער אויוועז
(פון ליטא)

שטעהט אין שטוב א גרויסער אויוועז,
ווי ער וואָלט זיך וועלען רייצען...
און די אָר'מע בעל־הבית'טע
האלט איהם שטענדיג אין איין הייצען...

ס'איז אַן אלטער בייזער אויוועז,
קוקט אזוי מיט צער און רוגז;
ס'וויל אויך נאפט אין איהם ניט ברענען,
תמיד שטעהט ער קאַלט און ברוגז.

צעהנדליג שוועבלעך אויסגעריבען,
אַנגעלעגט די בעסטע „קאָרע" —
ער פערלעשט אלץ מיט זיין אָטעם,
ווי געשאדט וואָלט איהם עין־הרע...

און עס העלפען איהם קיין סגולות:
ס'שפארט דער רויך אלץ אומגעהייער...
און די אָר'מע פרוי — זי שטיקט זיך,
און עס זעהט זיך קיין פונק פייער...

הויבט זי אָן דעם מוליער שילטען —
(יענער איז שוין לאנג געשטאָרבען !...)
טראָגט זיך אָן דער מאַן פון דאַווענען,
פאַלט ער גלייך איהר פאַר אַ קרבן...

לויפט ער ווידער אין בית־מדרש,
דארט איז רוהיג, דארט איז ווארים —
כאפען צו זיין טייל די קינדער,
און זי וויים ניט פון דערבארעם...

און דאס האלץ וויל אלץ ניט ברענען,
ביי דער אר'מער קראנקער מאמען,
דאך אין הארצען ברענט א גהינום,
צוש די דארע באקען פלאמען...

## ביים גרעניץ

כ׳שטעה אין וויסטען פעלד ביים גרעניץ.
ס׳ציהט מיך ווייטער. נישט צו מאכען:
צוויי סאָלדאטען היטען, וואכען —
אַ, ווי לאנגווייליג ביים גרעניץ!

צוויי סאָלדאטען וואכען, היטען,
כ׳זאָל די גרעניץ ניט אריבער...
אויפ׳ן וויסטען פעלד ווערט טריבער:
צוויי סאָלדאטען וואכען, היטען.

צוויי סאָלדאטען מיט די זעבעל...
פאר מיר, הער איך, לידער קלינגען...
אַ, ווי וואָלט איך איבערשפרינגען! —
ביי דער גרעניץ פאלט א נעבעל...

צוויי סאָלדאטען שטיל מארשירען...
פאר מיר, זעה איך, צינדט זיך פייער
אין אַן אנדער וועלט א פרייער
צוויי סאָלדאטען שטיל מארשירען...

## צווישען מויערן...

צווישען מויערן
אין דער נייער וועלט —
טראָגט פאר ד'אויגען זיך
אונזער אַלט געצעלט.

פליהען אויטאָס אום
ציטערט אויף די ערד —
בענקען מיר אויך דאָ
נאָך דעם ווייסען פערד.

ברענען פייערן,
בלענדען דאָס געזיכט,
דאָך עס גלעט אונז נאָך
פון דער היים דאָס ליכט.

רווישען מיטינגען,
רעדנער קומען אָן,
דאָך אין אויער קלינגט
אַלץ דעם מגיד'ס טאָן.

„טיפּערערי" זינגט
יעדעס קינד און „באַי"
אין די אויערען קלינגט
דעם בעל־תפילה'ס „אוי!"

אַלעס, וואָס מיר זעה'ן
זעהען מיר אין צוויי:
אין דער נייער פרייד
ברומט די אַלטע וועה...

## יענע...

יענע ווינטעלעך די קיהלע,
אין דער אלול נאכט,
און די שוהל, און דער בעל תפלה —
אלץ האט אויפגעוואכט.

אין דעם רוישיג לאנד און ווייטען
זעהסטו ווידער זיי,
און עס לעבען אויף די צייטען
פון דיין פרייד און וועה.

ווי זיי קומען נאכאנאנדער,
יענע נעכט און טעג —
אין דיין לעבענס לאנגען וואנדער,
אויף דיין נייעם וועג!

ווי עס לויכט נאך יענער שימער
פון די אלטע וועגט!
דאס פערלאשענע אויף אימער
צינדט זיך אן און ברענט!

און ווי ווייט דו ביזט פון אלטען
און ווי נאהענט דאך,
און ענטרונענע געשטאלטען
געהען אלץ דיר נאך!..

## אין דער היים

אין דער היים דאָרט אין דער אַלטער
איז שוין הערבסט לאַנג, טריבער וועטער.
פון די ביימער פאַלן בלעטער
און עס בלאָזט אַ ווינד אַ קאַלטער.

אין דער היים דאָרט וואַנדלען אום'עט
דונקלע, פינסטערע געשטאַלטן — — —
אין בית־מדרש אין דעם אַלטן
שוועבט ארום א גרויער אומעט.

אין דעם היים דאָרט אַלעס שרעקט זיי...
בלעטער פאַלן, ס'וועלקען גראָזן,
הייזלעך שטעהען וויסט פערלאָזען
און אַ קראָהע קומט און וועקט זיי...

אין דער היים דאָרט לעבט זיך שווער זיי,
טראָגט זיך אין דער לופטען וועהען,
איינגעהאַלטענע געשרעהען —
אין דער ווייטער היים — איך הער זיי!..

## היימישע טעכטער
(אַ ניו־יאָרקער בילד)

איך געה אין די רווישענדע גאסען —
שוין זעקס איז דער זייגער פאַרנאַכט —
אין רייהען אין שוואַרצע זיך ציהען
די אידישע טעכטער פערשמאַכט.

אַ, אידישע טעכטער פון שעפּער!
אין בליק אייערם זעה איך געהיים,
דעם חן פונ׳ם אידישען שטעדטעל,
דעם גלאַנץ פון דער וויט־ווייטער היים..

איהר געהט איבער שטיינערנע סטריטען —
די ערד און דער הימעל פערשטעלט;
דאָך דופטען נאָך אייערע קליידער
די דופטען פון שטעדטעלשען פעלד...

און קוק איך אייך אָן אַלע טיעפער,
דערזעה איך נאָך מעהרער און נאָך:
די קרוינען פון טויזענטער יאָהרען —
זיי גלאַנצען ארויס פון דעם יאָך...

דען אַלע זייט איהר דאָך בת־מלכות,
דער יחוס רוהט שטיל אייך אין בליק...
ווי זייט איהר פערשקלאַפט איצט געוואָרען!
ווער ברענגט אייך צום קעניג צוריק?...

## צו אַ שלומית
### (אַן אַמעריקאַנער לידעל)

אַ, שולמית מיינע! שאַדע,
וואָס דו ביסט קיין הירטין נישט:
נישט אויף גרינע בלומען־בייטען
האָב איך דיך צוערשט געקושט!

אַ, שולמית מיינע! שאַדע,
וואָס קיין קיניג בין איך אויך
און אין שלעסער נישט געבראַכט דיך,
נאָר אין צימער — פינף־שטאָק הויך...

און געקלונגען האָבען לאנג מיר —
ס'איז געווען אַ ווינטער־נאַכט —
ביז דער הויז־היטער, פערשלאָפען,
האָט די טיר אונז אויפגעמאַכט...

אַ, שולמית מיינע! שאַדע,
וואָס אויף מאָרגען אין דער פריה
האָסטו זיך געאיילט — געלאָפען
צו דער אַרבייט, צו דער מיה...

## אין מינוטען וויסטע...

אין מינוטען וויסטע,
ווען ארום איז שווארץ,
גאט, מיט ליעבע־קוואלען
פיל מיר אן מיין הארץ...

אלץ איז אזוי עלענד,
ווייסט ניט וואס צו טהאן:
גאט, מיט ליעבע־קוואלען
פיל מיין הארץ מיר אן!

און די ארעמס מיינע
ברייט און שטארק מאך זיי,
אז די וועלט אומארמען
זאל איך מיט איהר וועה!

## דער ערוואַרטעטער טאָג.

יום שכלו טוב.

ווי וועניג מיר האָבען יום־טובים,
די וואָכעדיגע טעג אזוי פיעל.
מיר וואַרטען אויף יום־טוב און וואַרטען
און בלאָנדזשען און טומלען אָהן ציעל.

צי ווייסט איהר דאָך, אָרימע מענשען,
איהר, קינדער פון זאָרג און פון פּלאָג, —
עס ליגט נאָך וואו ערגעץ בעהאַלטען
אַ יום־טוב'דיג־אייביגער טאָג...

ער ליגט אין דעם שוים פון דעם הימעל
און גליהט אין דער זון פּורפּור־רויט;
ער קאָן זיך פאַר אונז נאָך ניט ווייזען —
עס איז נאָך די ערד פול מיט קויט...

זי וועט אָבער ריין אמאָל ווערען —
(דער מענש — ער מוז העלפען דערצו!)
און נידערן וועט ער פון הימעל
מיט ליכט און מיט שטראַלען און רוה...

## דער טויט פון נביא

עס האָט זיך דער זקן פון שלאָף אויפגעוואַכט
אין מיטען דער שטילער, דער פינסטערער נאַכט,
געבעטען געהינם פערד און וואָגען צו שפּאַנען
און גיכער און שנעלער אנטלויפען פון דאַנען.

— „וואוהין?" האָט דעם זקן זיין תלמיד געפרעגט. —
„אהין, וואו די שלעכטס און די רשעות זיך עקט!
אהין, וואו מען קאָן נאָך דאָס רעשט ביסעל יאָהרען
פערברענגען אין תפלה, אין טראַכטען אין קלאָרען"...

און ס'האָט זיך דער זקן אין וואָגען געזעצט,
געוואָרפען מיט טרויער די בליקען צום לעצט
אויף אלץ, וואָס געווען איז אזוי איהם דערווידער:
דער נארישער טומעל, דער דומער גערודער..

און שטילער, און שטילער איהר, בוימעלעך, שווייגט,
און שטעגעלעך, וועגעלעך שפּורען ניט צייגט,
עס זאָלען די שפּורען די ווינטען פערטראָגען,
און זאָל מען ניט זוכען, און זאָל מען ניט יאָגען!..

אָ, זקן דו אלטער, אַ גוטער פּראָפּעט,
עס איז דיין אנטלויפען פון מענשען צו שפּעט!
מיר האָבען פערבלאָנדזשעט אין קרום-לאָמע וועגען
און זוכען כאָטש איינעם דעם וועג אויסצופרעגען.

דער וועג ווער קען וויסען? דער וועג האָט קיין סוף —
ער האָט איהם געפונען אין אייביגען שלאָף.
און מיר בלאָנדזשען ווייטער אָהן אָנהויב, אָהן ענדע —
עס קלינגט אזוי טרוי'ריג די פרישע לעגענדע!...

## דער פּרעמדער

וואָס מאכסטו זיך פּלענער, דו מענשעל, דו נאַר?
דו מיינסט אויף אַן אמת, אז דו ביזט דער האַר.
אז דו ביזט דער האַר אויף אַלץ וואָס פּאַסירט —
אָך, הינטער דיין פּלייצע א פרעמדער רעגיערט...

דו טראַכסט פון דיין ליעבער, אָט מאַהלסטו זיך אויס —
פון צימערן ליכטיגע מאכסטו דיין הויז,
און דאָ וועט דאָס בעט שטעהן, און דאָרטען די וויעג —
דאַן בלאָזט גאָר דער פרעמדער טראָמפּייט: צו דעם קריעג!

דאַן געהסטו בעלאָדען מיט שווערען געוועהר —
אדיע דיינע טרוימען — דו קומסט שוין ניט מעהר...
פּאַראויס שרייען ראָבען ווי גליקליך פון רויב,
און ס'פּייפען די קוילען און מאַכען דיר טויב...

## דוד'ס פידעל

געווידמעט אפרים צימבאליסט.

אויפ'ן וואנט פון קיניגס חדר
הענגט א פידעלע כסדר;
שפעט אין נאכט, ווען אלע שלאפען,
קומט א ווינט, א ווינט פון צפון,
און ער ריהרט די סטרונעס אַן,
און עס יאָמערט טאָן נאָך טאָן...

און די קלאנגען רופען, וועקען,
און ס'ערוואכען טיף אין שרעקען
אלע כהנים און זקנים
און פערזאמלען זיך אינאיינעם
און זיי וויינען: גאָט, אָ, גאָט,
ס'פאָלק איז אָרים און צו שפּאָט!

*   *   *

אָ, די אור־אַלטע לעגענדע
ציהט ביז היינט נאָך, האָט קיין ענדע,
און פון צפון בייזע ווינטען
ווילען אלץ נאָך ניט פערשווינדען —
און די נאכט איז לאנג אָהן סוף,
און דער עולם טיף אין שלאָף.

די, וואָס וואַכען אָבער, הערען
אין דער נאַכט אָהן שיין, אָהן שטערען,
ווי עס גיסען זיך און ציהען
זיסע, צאַרטע מעלאָדיען
פון א נאָהענט־ווייטען לאַנד,
פון א קעניגליכער האַנד...

# ביבלישע מאטיווען.

# אין טאָל
(פון יחזקאל)

ס'האָט גאָטס האַנד מיך אָנגעריהרט,
און דערפיהלט האָב איך זיך ריינער:
צו אַ טאָל מיך צוגעפיהרט —
און דער טאָל איז פול מיט ביינער.

אָנגעוואָרפען, אָנגעשאָרט
זיינען ביינער דאָרט געלעגען,
אויסגעטריקענט, אויסגעדאָרט,
אַהן אַ חיות, אַהן בעוועגען.

פרעגט מיך גאָט: דו מענשען־קינד,
קענען זיי אַמאָל אויפלעבען?
כ'האָב געענטפערט: איך בין בלינד! —
ווען דו ווילסט, קאָן אַלעס געבען.

האָט אַ ברום געטאָן גאָטס קול:
אויף די ביינער זאָג נבואה:
העיי, איהר ביינער אין דעם טאָל,
קומען וועט נאָך די רפואה...

ווערט פון טויט צוריק ערוואַכט,
און איהר זאָלט צוריק אויפלעבען,
נייע הויט זאָל זיין געמאַכט,
און אַ נייער גייסט — געגעבען!

כ'האָב געטהאָן באַלד גאָטס בעפעהל, —
איז א שטורעם אָנגעקומען,
ביין צו ביין איז אויפ'ן שטעל,
אויפ'ן אָרט צונויפגעקומען.

פלייש און אָדערן און הויט
אויף די ביינער אָנגעצויגען,
נאָר עס איז נאָך אַלץ דער טויט
זיי געלעגען אין די אויגען...

און דערהערט האָב איך גאָטס קול:
געה צום ווינט און זאָלסט איהם זאָגען:
ער זאָל בלאָזען אין דעם טאָל,
צו די מתים חיות טראָגען..

און פון אַלע עקען וועלט
זיינען ווינטען אָנגעקומען,
ס'האָט א חיל זיך געשטעלט
מיט א לאַרימען און ברומען.

## אויף די בערג...

אויף די בערג, אויף די בערג—
דאָרט הערט מ׳איז שוין טריט...
דער אַנזאָגער געהט
פון ליעבע און פריד.

בעפרייט איז דאָס פאָלק
פון יאָך און פון צוואנג,
און פייערט זיין פעסט
מיט פרייד און געזאנג...

## די בלוטיגע שטאָדט

א, בלוטיגע שטאָדט,
פול זינד און פול רויב!
ביסט פול מיט געשריי,
מיט רויך און מיט שטויב!

מען יאָגט און מען פאָהרט —
עס רעש'ט און שאַלט,
עס טראָגען זיך פערד,
די בייטש — ווי זי קנאַלט!

און פרויען פערפוצט —
זיי דרעהען זיך אום...
געפעלשט איז דער חן
מיט פארב און פערפום...

א צויבער אין זיי!
די ערד אונטען — ברענט...
דאָס פאָלק איז פערקויפט
דורך זייערע הענט...

## פון ירמית

1.

ניט בעוויין דעם טויטען,
מתים ניט בעדויער!
אויף דעם אר׳מען וואנד׳רער
מעהר און טיפער טרויער!

גרויס איז יענעמס וועהטאג,
ווער ס׳פערלאזט זיין לאנד
און צוריק צו קעהרען
קיינמאל ניט אין שטאנד..

## 2.

ווען איז יענעם אויף דער וועלט,
ווער זיין הויז אהן משפט שטעלט,
און דעם חבר אויסגענוצט,
און די צימערן פערפוצט.

און די ווענט געפארבט פערשידען
מיט דער ארבייט פון דעם מידען.
ניט קיין פארב איז דאָס, נאָר בלוט!
ווען איז יענעם, ווער דאָס טוט...

## פון קהלת

כ'האָב געזעהן די גרויסע רשעות,
וואָס איין מענש טוט אָן דעם צווייטען
און די טרערען פון בעטרויבטע,
און דעם פרייען גייסט אין קייטען..

און די אַלע אונטערדריקטע
מוזען נאָך די טרערען שטיקען;
און ניטאָ פאַר זיי קיין טרייסטער,
ווער זאָל הילף אין נויט זיי שיקען...

און בעטראַכט האָב איך דאָס אַלעס,
ווי די וועלט איז שלעכט, פערדאָרבען...
לויב איך בעסער יענע, וועלכע
זיינען לאַנג שוין אויסגעשטאָרבען...

בעסער אָבער איז נאָך יענעם,
וואָס איז גאָר דאָ ניט געבאָרען, —
האָט פערשפּאָרט צו זעהן די אומרעכט
אין די קורצע לעבענס־יאָהרען...

### 3.

כ'האָב גאָטס וואָרט אין מיר דערפיהלט
און געלאָזט מיך איבעררעדען.
און זינט דעמאָלט — מיט גאָטס־וואָרט —
שטעה איך אוים געשפּעט און ליידען.

און איך רעד פון זינד און רויב
און פון דומע בייזע זאכען;
קוקען זיי מיך שפּאָטיש אָן,
און זיי שפּאָסען און זיי לאַכען...

האָב איך מיר געזאָגט: גענוג! —
אויך מיין לעבען איז מיר טייער!
ברענט גאָטס וואָרט דאָך אין מיין הארץ,
ווי א פלאַמענד העליש פייער.

האָב איך מיך געטראַכט: בין מיד,
און צו שווייגען שוין בעשלאָסען;
האָט דאָס וואָרט פון גאָט אין מיר,
ווי א פייער זיך צעגאָסען.

4.

דו ביסט גאָט צו פיעל גערעכטער,
און ווי קאָן איך קעגען־רעדען ?
כ'וויל ביי דיר בלויז משפט פרעגען,
זאָלסט מיין פראגע מיר בעשיידען :

אך, פארוואס דער וועג פון שלעכטע
אויסגעפלאַסטערט איז מיט גליקען,
און זיי געהען צו דער רשעות,
ווי אויף פעסט־געבויטע בריקען ?...

און ווי בוימער טיף געוואָרצעלט
וואקסען זיי און ברענגען פירות,
און אַזוי פערשפרייט זיך אומרעכט
ביז די שפעטע, ווייטסטע דורות ?

*

* *

קיינער האָט מיך ניט גערופען,
כ'בין צו אייך אליין געקומען,
און געזוכט האָט מיך ניט קיינער,
כ'האָב אליין זיך אויסגעפונען.

רוף און הער ניט אויף צו רופֿען,
ווי א שופר זאָלסטו שאַלען;
זאָג דיין פֿאָלק — עס איז געשטרויכעלט,
זאָג דיין פֿאָלק — עס איז געפֿאַלען!

## 5.

אויסגעגאנגען! איז דער גוטער,
שטיל פערלאָזט די שלעכטע וועלט;
וועמען האָט זיין טויט בענומען,
ווער בעמערקט — דער גוטער פעהלט!

גוטע, פרומע לייט פערגעהען,
קיינער גיט דערויף קיין קרעכץ,
ווייל די וועלט איז פול געמיינהייט,
פול פערדאָרבענקייט און שלעכטס...

## הוי החוקקים
(פון ישעיהו)

העיי, איהר שרייבער און איהר קריצער,
פון געזעצען וועגען זינד;
ניין, איך קאָן אייך ניט פערטראָגען,
אייער שרייבען — לויטער ווינד!

דען דער עלענדער, געדריקטער,
ווען צום ריכטער־הויז ער קומט,
שפּעטען אוים איהם אַלע ריכטער,
און גערעכטיגקייש פערשטומט.

און אלמנות און יתומים
און דאָס אָר׳מע פאָלק דורכאויס
האָט זיך ניט צו וועמען ווענדען,
ביז דער צאָרן־טאָג ברעכט אויס...

זעהט, ער טראָגט זיך פון דער ווייטען,
איינגעהילט אין פלאַם און בלוט;
העיי, איהר ריכטער, וואו אנטלויפט איזר
אין דעם טאָג פון דין און גלות?!

## דער שומר

— שומר, שומר, אויף דער וואכט —
זאָג, וואָס הערט זיך מיט דער נאכט?

זאָגט דער שומר און ער ברומט:
„ס'דאכט, דער טאָג — ער קומט, ער קומט...

ברומט דער שומר אויף דער וואכט:
„דאכט זיך טאָג און דאכט זיך נאכט;

פרעגט ניט בעסער, וואָס און ווען
ב'וויים אַליין ניט — כ'קען ניט זעהן“...

## שיר השירים

(פראגמענטען)

1.

איך אליין — איך שלאָף,
ס׳האַרץ איז וואך אין מיר;
כ׳הער מיין ליעבסטענס קול,
כ׳הער, ער קלאפּט אין טיר:

— עפען שוועסטער מיין,
ס׳איז דיין טיר פערמאַכט —
מיינע לאָקען — זעה —
נאַס פון טוי און נאַכט...

2.

אוי, ירושלים־טעכטער,
אייך האָב איך בעשוואָרען:
ווייסט איהר אפשר, וואו פארפאלען
איז מיין פריינד געוואָרען?

אויב איהר וועט איהם וואו געפינען,
וואָס זאָלט איהר איהם זאָגען?
כ'בין פון ליעבע קראנק געוואָרען,
כ'קאָן שוין ניט פערטראָגען.

— אָ, דו שעהנסטע פון די פרויען,
ווער איז דיין בעשערטער,
וואָס דו האָסט געלאָזט זיך זוכען
איהם אין אַלע ערטער?

— ראָזיג־ווייס איז ער, מיין ליעבער,
מעהר פון אַלע טייער;
זיינע לאָקען — שווארץ ווי ראָבען,
זיינע אויגען — פייער...

**2.**

איך וואָלט פאַר אַ ברודער דיך האָבען געגלוסט,
וואָס האָט ביי איין מאַמען געזויגען די ברוסט,
דאַן וואָלסטו געוועזן מיר ניט פרעמד און ניט ווייט
און קושען דיך וואָלט איך אין גאַס צווישען לייט.

# גאט און טייוועל.

## גאָט און טייוועל

אָפטמאָל דאכט מיר, אז מיר זיינען
כפוי־טובה צו דער שטאָדט;
יאָ, די שטאָדט רעגירט דער טייוועל, —
אָבער ערגער דען ווי גאָט?

* * *

ריזיג־הויכע הייזער שטעהען —
טייוועלס גייסט האָט זיי געבויט...
דאָרטען וואוינען פיעלע קינדער
פון דעם עלענד, פון דער נויט...

הויכע ריזיגע פאַבריקען, —
און עס יאָגט פון זיי אַ רויך,
שווארצער רויך — דעם טייוועלס זעלע
און דעם טייוועלס שווארצער כח...

דאָך עס ארבייטען דאָרט קינדער
פון דעם עלענד, פון דער נויט, —
אמת, אַלץ געהט פאַר'ן טייוועל,
זיי אַליין דאָך קריגען ברויט...

און דער טייוועל האָט אויך ליעבלינגס.
פונקט ווי גאָט — ער איז ניט שלעכט;
מאַנכע קינדער לעבען לוסטיג
דורך די טעג און דורך די נעכט...

שלאַנקע פּרויען, זיסע מיידלעך
קומען זיך צונויף אַמאָל,
און זיי בויגען זיך און וויגען,
און גן־עדן ווערט אין טאָל...

טייוועלס ליעבלינגען! — זיי קומען
צו די מיידלעך אין געצעלט,
און זיי טאַנצען און זיי הוליען —
אַ גן־עדן אויף דער וועלט...

יאָ, אין שטאָדט רעגירט דער טייוועל,
דאָך ניט שלעכט, ווי מאַנכער מיינט,
און דער גאָט, דער עקס־רעגירער,
זיצט אין הימעל און ער וויינט...

## דעם דיכטערס ירושה

דאָס גייסטיגע גוטס, וואָס עס וועט נאָך איהם בלייבען,
דאָס בלייבט פאַר דער פּרעסע ירושה:
זי וועט אַלע ברעקלעך און שטיקלעך אויפקלייבען
מיט יראת הכבוד און קדושה.

פאַר יעדערע שורה, פּערקלעקטע, פּערמעקטע,
וועט לאָזען זי זוכען עקספּערטען,
און וועט ביי זיי בעטען מיט הענט אויסגעשטרעקטע:
ענטדעקט אונז די טייערע ווערטען!

און דאָרט, וואו ער האָט נאָר א שפּאַס בלויז געטריבען,
ענטדעקט מען דעם העכסטען טראַגיזם,
און דאָרט, וואו ער האָט סתם אזוי זיך געשריעבען,
דערקלערט זי מיט טיף סימבאָליזם!

און וועט אַנאָנסירען מיט אותיות די גרעסטע:
„מיט שוועריגקייט איז אונז געלונגען
צו קריגען פון דיכטער די ווערק זיינע בעסטע,
וואָס ער האָט ביים ענדע געזונגען!"

און אָבדרוקען וועט זי זיין בילד אין איהר קרעמעל,
— זי וויים, ווי צו האנדלען מיט שכל;
און נעמט עס אריין אין דעם טויט־שווארצען רעמעל —
זיין בילד מיט'ן ביטערן שמייכעל...

## דער אמת

עס זיינען דאָ אמת'ן פיעל —
איך האָב מיך געלאָזט אָפט פערפיהרען;
איך האָב זיי שוין אלע דערקענט,
פערשטעה זיי לויט קלאַנג און קאָלירען.

עס קלינגען די אמת'ן הויך,
און דופטען מיט ריחות און פאַרבען,
דאָך ווי נאָר דו קוקסט זיי אָן נאָהנט —
זיי ווערען פערשטומט באלד און שטאַרבען...

איך האָב זיי געהאלטען שוין פיעל,
פאַר פיעלע געקעמפט, פיעל פערטיידיגט;
זיי האָבען מיך אלע גענאַרט,
און כ'פיהל מיך בעטראָגען, בעליידיגט...

דאָך גיב איך מיין ליעבע ניט אויף
צום אמת, צום איינציגען קלאָרען;
ער מוז זיך בעווייזען אמאָל —
בעלויכטען מיין רעשט ביסעל יאָהרען...

## צו די הימלען

ניד'ריגער — ניד'ריגער, הימלען, צו אונז!
אראָב צו אונז נידערט!
אַלץ האָט פערלוירען זיין שטאַלץ פון אמאָל,
אַלץ איז פערברידערט.

רייך זענט איהר, הימלען מיט שטערען א סך,
מיט זון און לבנה.
די ערד איז א וויסטע און קוקט צומאָל אויס —
אַן אַר'מע אלמנה.

און קינדערלעך קליינע און גרויסע אַהן צאָהל,
פיעל קראַנקע און הוסטען,
זיי רייסען דעם פאַרטוך פון מוטער דער ערד
און ציהען די ברוסטען...

— ניד'ריגער, ניד'ריגער, הימלען צו אונז! —
מיר בעטען מיט טרערען,
מיר װעלען פאַר עלענד, ווי עפּעל פון בוים,
רייסען די שטערען!

## די אָרימע

מיך אַרט ניט: כ'האָב גוטס אייך געטהאָן.
און איהר האָט עס גאַרניט פערדינט;
מיך אַרט, וואָס איך האָב מיך דערוואוסט,
אַז איך בין געווען אַזוי בלינד..

איצט האָב איך שוין אַלעס דערזעהן,
דאָך שרעקט זיך ניט, אָרימע, ניין!
צעשטעלט זיך אין רייה ביי מיין טיר,
איך בין נאָך אַלץ גוט ווי געווען.

געמיינט, איהר זענט אָרים אין גוף,
איצט האָב איך דערזעהן אייער זעל.
ווי אָרים און נאַקעט זי איז —
בעקומט זשע אַ גרעסערן טייל...

## אין זומער

אין זומער ווײַנט דאָס האַרץ.
און טרויער־פֿול איך פֿרעג:
אָה, ווער וועט ווײַזן מיר
צום גרינעם פֿעלד דעם וועג?...

עס האָט די שטאָדט פֿערשטעלט
דאָס פֿעלד און וואַלד אַרום...
אָה, ווער וועט ווײַזן מיר,
וואו בליהט ערגיץ אַ בלום?

## דער פויגעל אין שטייגעל

א פויגעל זיצט אין שטייגעל,
דער שטייגעל הענגט ניט הויך...
ער האָט דאָרט מילך און גרויפּען,
אַ שטיקעל צוקער אויך...

און וויל ער זינגען, קאָן ער
דאָרט אויך פון מאָל צו מאָל.
(א שאָד איז נאָר, אין שטייגעל
קלינגט דומפּ אזוי דאָס קול...)

קומט מאַנכער ווינטער־אָוועגד,
פערדרימעלט ער זיך באַלד,
איהם חלומט אלטע פרייהייט
אין קאַלטען לעערען וואַלד...

די בומער וויים פערשאָטען,
דער פראָסט מיט נאָדלען שטעכט.
די פליגלען זיינע פריהרען,
און יעדער פעדער ברעכט...

ער כאַפּט זיך אויף דערשראָקען
און קוקט אין שטייג זיך אום...
א חלום — גאָט צו דאַנקען,
און פּיקט א גרייפּעל פרום...

## פאר׳ן בילד

קיין מזוזה אין מיין צימער,
כ׳בין, מיין קינד, ניט רעליגיעז;
כ׳האב אין גאט שוין לאנג פערגעסען,
און דער טייוועל איז ניט בייז.

ניט קיין גאט און ניט קיין טייוועל — —
אין א צימערל אזא
וואלט דאך טרויעריג געוועזען
נאכ׳ן טעגליכען הו־הא...

ביסטו דאך, מיין קינד, גוטהארציג:
האסט דיין בילד מיר לאנג געשענקט,
אין מיין אפיקורסיש צימער
הענגט דאס פריינדליך און פערבענקט.

כ׳קום א היים און נעהם א ביכעל, —
אך, ס׳איז אלץ אזוי בעקאנט!
אלע חכמות דום און נישטיג,
און איך ווענד מיך צו דער וואנט;

ביי דיין בילד, עס הענגט אין מזרח,
שטעה איך מיט א שווער געמיט,
פליסטער שטיל און לאנג א תפילה,
ווי דער בעסטער, פרומסטער איד...

## צו אַ כּלה
(אין אַלבום)

וואָס חלומ׳סטו, אַ, ליעבע כּלה,
בשעת דו שלאָפסט ביי נאכט אין בעט?
צי חלומט דיר: דיין שענער חתן
שטעהט נעבען דיר און קושט און גלעט.

ער קושט די בעקלעך און די ליפען
און פליסטערט שטיל: ווי האָב איך האָלד
מיין ליעבע, שעהנע, גאָלד׳נע כּלה, —
און טוט דיר אָן א קייט פון גאָלד?...

אַ קייט... א קייט... אַ גאָט, בעשירם
דעם חלום פון א שלעכט בעשייד:
דאָס גאָלד זאָל קיינמאָל ניט פערשווינדען,
און בלייבען זאָל ניט בלויז די קייט...

# ליעבע.

# ניטאָ קיין האַלט

ניטאָ קיין האַלט,
ס'איז קאַלט, ס'איז קאַלט,
ווי ס'וואָלט מיט טויט געבלאָזען — — —
און זי — זי האָט פערלאָזען.

דו קוקסט זיך אום
אַרום, אַרום —
ווער זאָל אַ וואָרט דיר זאָגען ? — — —
און זי — זי האָט בעטראָגען.

דו געהסט אַהן זין
אַהער, אַהין —
עס וויל דיין וועה ניט שטומען — — —
און זי — זי וועט ניט קומען !...

## פינף באהגען

פינף באהגען קומען אן פון שטאדט
פון וואן ער דארף צו קומען,
נו, גער איך יעדעס מאל צום צוג
און בין אזוי פערנומען!

די צוגען קומען צו דער צייט,
ס'האט איינער ניט פערשפעטיגט,
מיין ליעבער איז דאך אלץ ניטא —
ווי איז מיין הארץ צווועהטיגט!

און יעדער צוג קומט האסטיג אן
מיט רויך און דאמפף און ליארמען,
דאס אלעס לעגט זיך אויף מיין הארץ,
אז גאט זאל זיך דערבארמען...

## אויף דער פינפטער עוועניו
(אַ אַמעריקאַניש־ליעד)

אויף דער פינפטער עוועניו
האָב איך מימ איהר געשפּאַצירט,
איז זי דאָך געוואָרען מיעד
האָב איך זי אַהיים געפיהרט.

אויפ׳ן פינפטען פלאָר געוואוינט
האָט מיין טייערע — ווי הויך!
דאָך ווער האָט געקוקט דערויף:
ב׳וואָלט געשטיגען צעהן פלאָר אויך!

איצטער וואויהנט מיין טייערע
ערשטען פלאָר און צווייטע טהיר,
און ערשט איצט בין איך אליין
קען נישט גרייכען מעהר צו איהר...

## דו ביזט געווען...

דו ביזט געווען א זיסער קלאַנג
אין מיינע טעג;
א קלאַנג פערוועהט,
דאָס גליק פערגעהט —
דו ביזט אוועק,
ניטאָ דיך לאַנג...

אָ, זיסער קלאַנג, וואו קלינגסטו צינד,
אין וועמעס ליעד?
איך הער מיך צו:
עס קלינגט ווייט־וואו...
עס ציהט, עס ציהט — — —
וואו ביזטו, קינד?...

## ווער?...
(געווידמעט א—ר)

ווער האָט דיר, דו אָרימעס קינד,
דיינע יאָהרען פערשניטען?
געפיהרט דיך דורך שטורם און ווינד,
דורך ים און דורך נאַכט
און האָט דיך צום ברעג ניט געבראַכט —
געלאָזט דיך אין מיטען...

און קום איך דיך רעטען אצינד,
דאַ ווילסטו ניט הערען;
אַ, ווער איז דער גליקליכער, קינד,
וואָס איהם זאָל געהערען
דיין פרייד פון אַמאָל
און איצט — דיינע טרערען?...

## איך וואָלט וועלען...

איך וואָלט וועלען ערגיץ וואו
לאָזען געהן זיך זוכען רוה —
פאר מיין זעלע מאט און מיעד,
פאר מיין שווער־פערוואונדעט ליעד...

איך וואָלט וועלען ערגיץ ווייט
און פערגעסען אָרט און צייט,
און פערגעסען אַלע פריינד,
און דעם נעכטען און דעם היינט.

איך וואָלט וועלען ווייט אוועק,
וואו עס זעהט זיך שוין דער ברעג
פון דעם הימעל און דער ערד
און קיין גליק ניט מעהר בעגעהרט!

## אח, וואָס ווּעסטו זאָגען...

### 1.

אך, וואס וועסטו זאָגען דער וועלט
ווען זי וועט דיך פרעגען:
וואוהין איז דיין מיידעל אוועק,
אין וואָסערע וועגען?
— איך זאָג אייך דעם אמת באלד אויס
איך וועל מיך ניט שעמען:
אוועק איז מיין מיידעל אוועק,
וועל זאָגען צו ווּעמען...

2.

און אז ס'וועט דיך פרעגען די וועלט
וואס קלערסטו צו מאכען
א, שטאלצער, צי בלייבט ביי דיר רעכט
זי זאל פון דיר לאכען?

— נו, וועל איך מיר ענטפערן שטיל:
דער קלאפ איז א שווערער
דאך וועל איך קיין בייז איהר נישט טהון:
איך ליעב זי איצט מעהרער...

## ליעד און ליעבע.

האַסט די ליעבע שוין פערגעסען
ס'האַט איהר הויך דיר לאַנג פערקלונגען,
אייביג אַבער לעבט מ י י ן ליעבע,
ווייל איך האָב איהר ווען בעזונגען...

מאַט און וויסט איז דיין נשמה,
ווי אַ נאַכט אָהן שיין אָהן שטערען,
מיר אין הארץ איז אַלץ נאָך ליכטיג
און מיין ליעד וועט לאַנג געווערען.

האַט פערוועלקט מיר שנעל דיין ליעבע —
הויבען ליעדער אַן צו בליהען,
און ווען זעלבסט דו וועסט פערוועלקען
וועט מיין ליעד זיך אַלץ נאָך ציהען.

## נאָך דיר...

נאָך דיר וואָלט איך קיינמאָל געוויינט
מיין קעניגין — כלה...
דו ביזט דאָך א מיידעל געווען,
א מיידעל ווי אַלע...

איך האָב נאָר דיין ליעבע געליעבט,
זי איז געווען טייער,
נו, האָט זי דיר איצט אויסגעברענט,
אוועק מיט'ן פייער.

און אויב איך דערמאָן דיך נאָך אפט
ניט דיך אָבער מיין איך,
דו ביזט מיר א פרעמדע איצינד —
די ליעבע בעוויין איך...

## פון גדר

...עס ווילט זיך פון גדר אמאל ארויסשפרינגען
און אייך, מיינע ברידער, אן אנדער ליעד זינגען:
א ליעד וואס איהר טאן איז א גליהענדע זינד,
וואס יעדערער גראהס איז א שטיף פון א ווינד...
און וואס ר'האט געטראגען בחדרי־חדרים,
ארויסזאגען אפען פאר רייך און פאר ארים!
און זאלען זיי וויסען פון לעבען און לוסט,
וואס יעדערער טראגט נאר געהיים אין דער ברוסט.
און זאלען ניט ווערען קיין פירות אויף בוימער
צוליעב א געהויקערטען אלטינקען שומר...
און זאלען אויף ליעבע, אויף בלומען און גראז
קיין שומרים, קיין צוימען ניט זיין — אח, צו וואס?...

## הערצער-שפּיעל

פון מיין ליעבע ווייסטו, קינד,
כ׳פּיהל דיין שמייכעל;
עס געפעלט פון הערצער־שפּיעל
דיר דער שכל —

שענקסט דאַ יאָ, דאָ שענקסטו ניט
דיין בליק דיין ריינעם;
גאַנגען האָסטו אַלערליי,
איך — נאָר איינעם.

און אויף דעם פערליער איך באַלד,
כ׳בלייב אין מיטען,
כ׳זעה דעם צווייטען שפּיעלען שוין,
אויף דעם דריטען...

דאָס נאָר מיינסטו, קינד, איך וויים
דיינע ציעלען:
היט זיך דאָך, אמאָל וועסט דו
אויך פערשפּיעלען!

## צו...

(אַ פאָלקס מאָטיוו).

א היים צו מיר וואָלסטו געגאנגען,
מיין ליעבסטע, מיין אויג אין מיין קאָפּ —
דיין מאמע, זי האַלט דיך געפאנגען
זי היט דיך, זי לאָזט דיך ניט אָפּ.

ווער האָט דערצו רעכט איהר געגעבען,
איך בין דאָס פערשטעהן ניט אין שטאנד:
איך ליעב דיך פיעל מעהרער, מיין לעבען,
ווי טויזענדער מאמעס ביינאנד!

## אין אַ זומער-נאַכט.

גליהענדע,
ציהענדע
רופענדע נאַכט! —
וואו ליגט דיין צויבער
און וואָס איז דיין מאַכט?

ס'פלאַטערט,
עס מאַטערט
דאָס האַרץ אין דער שטיל;
ס'ריהרט זיך, עס וועקט זיך
אַ יונגעס געפיהל.

קלאַנגען,
פערלאַנגען
זיי פילען דיך אָן,
פיהלסט זיך אין גאַנצען
אַ קלינגענדער טאָן...

ס'קומען,
ווי בלומען,
דיר מעדלעך פערביי,
קוקען אין ד'אויגען
דיר לוסטיג און פריי...

קעהרסט זיך
און קלעהרסט זיך:
מיין כלה וואו איז?
ווער איך זי קושען
ווי שטארק און ווי זיס...

יאהרען —
פערלארען —
זיי קומען צוריק;
יונג ביזטו ווידער
און האפסט נאך אויף גליק?...

## צו...

כ׳קען ניט. ליעבסטע, זיין דיין שיצער,
כ׳קען פון אונגליק ניט פארהיטען:
נארען זיינען פעסט און זיכער —
כ׳ווייס דער אונגליק קומט אין מיטען...

כ׳וועל מיך אויך ניט אונטערנעהמען
זיין דיין פיהרער, דיין בעגלייטער,
ידען דער וועג פון לעבען, ווייס איך,
איז א קרומער, א פערדרעהטער...

כ׳קען דיר אויך מייןווארט ניט געבען,
ליעבע אייביגע דיר שווערען,
דען דאס ריינע און דאס שעהנע
לאזט די וועלט נישט לאנג געווערען...

# אדיע

(פון דייטשישען)

געוואָלט וואָלט איך איינמאָל
בײַן פענסטער נאָך שטעהן,
די זון אָנצוזעהן,
ווי אזוי זי פערגעהט,
און איינמאָל נאָך זעהן,
ווי דאָס האָר דיינס, ווי גאָלד,
וואָס כ'האָב אזוי האָלד,
אין דעם ווינטעלע וועהט...

איך דענק אָן דעם טאָג
ווען איך האָב דיך דערוואוסט, —
אין דיין ווייס שוואַנען־ברוסט
אונטער שניי־קלאָרען העמד;
אצינד איז דיין בליק
אזוי טרויריג און שווער —
דו זינגסט שוין ניט מעהר
און דיין לאכען קלינגט פרעמד...

די בלום איז איצט וועלק
און דאָס בעט איז שוין קאַלט
בעגרים־זשע מיך באַלד — — — —
דיין נשמה בעגעהרט
נאָך נייער פרייד — —

איך פערגין זיי, קינד, דיר —
פערבלייב נאָר מיט מיר
ביז פינסטערליך ווערט...

## מיט טויזענד אויגען
(נאָכאַהמונג)

מיט טויזענד אויגען קוקט די נאַכט,
דער טאָג — ער קוקט מיט איינעם;
דאָך אַהן דער זון איז פינסטער ד׳ ערד
און לאַכען ווילט זיך קיינעם.

מיט טויזענד אויגען קוקט פערשטאַנד,
די ליעבע קוקט מיט איינעם,
דאָך אַהן דער ליעבע טרויערט אַלץ
און לעבען ווילט זיך קיינעם...

## איינע פון מיינע געליעבטע...

איינע פון מיינע געליעבטע
האָב איך, א פערצאָגטע, א בעטריעבטע,
מיט בעקעלעך בלאַס,
געטראָפען אין גאַס.
מיר האָבען זיך ג'געבען די הענד
און דאַכט זיך, דערקענט...

איך האָב מיך געשפּירט
אזוי ווי א וואַנדרער, וואָס האָט לאַנג געאירט
און לאַנג איבער ים'ען געשוואומען,
איז איינמאָל אהיים דאָך געקומען —
נאָר אַלץ איז געוועזן שוין פערוויסט —
און אַלץ האָט מיט קעלט איהם בעגריסט...

## זי קומט שוין ניט מעהר...

זי קומט שוין ניט מעהר אין מיין צימער צוגעהן
ווי אלע מאל, זיעבען א זייגער;
עס קוקען ניט מעהר איהרע אויגען מיט חן
אויף מיר, ווי איהר ליעבליכער שטייגער.

עס קלינגט מיר ניט מעהר שוין איהר זילבערנע שטים;
„איך האב היינט פערשפעטיגט אביסעל —
געדארפט האב איך געהן נאך א ווײלע א היים
צו נעהמען פון הויזטיר דאס שליעסעל"...

עס מאכען זיך מעהר איהרע אויגען ניט צו,
ווען כ'הויב אן די ליפען צו קוסען,
און כ'זעה שוין ניט מעהר, ווי עס הויבט זיך איהר ברוסט
פאר לוסטיגע פרייד און גענוסען.

עס ליעגט שוין ניט מעהר אויף מיין טישעל איהר הוט
און זי זיצט שוין מעהר אויף מיין בעט ניט;
אח, דאס וואס געוועזן אזוי ליעב, אזוי גוט
צוריק קומען קיינמאל שוין וועט ניט...

## עס איז נאָך אין לעבען...

עס איז נאָך אין לעבען אזוי פיעל געבליעבען —
מען קען נאָך אזוי פיעל געניסען און ליעבען:
עס שטעהען נאָך בעכער, וואָס פערלען, וואָס שוימען,
עס שמייכלען נאָך האָפנונגען, גליקען און טרוימען:
עס לאַכען נאָך אויגען און בריסט זיך בעוועגען
און ס'ווינקען נאָך טויזענדער לוסטיגע וועגען —
נאָר ד'האָסט זיך פערמאַטערט אין לעבענס-גערידער,
וואָלסט גערען געהן שלאָפען און פאַלען אנידער...
און ביזט אין דער לאַגע וו'א אינגעל פון חדר,
וואָס האָט פיעל געוואָרט און געהאָפט אויפ'ן סדר.
נו, וואָלט ער פון יעדען כוס טרינקען אביסעל —
א יונגעל, ער כאַפּט אַלע כוסות פון שיסעל!
ער טרינקט אוים דעם ערשטען, דעם צווייטען אין גאַנצען,
דער קאָפּ הויבט אָן דרעהען, די כוסות זיי טאַנצען...
און ס'ווערט באַלד אנטשלאָפען מיין אינגעל, מיין ליעבער,
און וויין און חרוסת און קניידלאַך — בלייבט איבער...

## עס האָט מיך דער פֿריהלינג גערופֿען

עס האָט מיך דער פֿריהלינג גערופֿען,
ער האָט אַזוי ליעבליך געוואונקען,
און ס'האָט זיך מיין אָרימע זעעלע
אין האָפֿנונגען שיער ניט דערטרונקען...

ער האָט מיר פֿערשפּראָכען פֿיעל גליקען,
מיין האַרץ אָנגעפֿילט מיט געזאַנגען,
און בין איבער בערג, איבער טאָלען
צו זוכען די גליקען געגאַנגען...

אַזוי האָב איך אַלץ אומגעבלאָנדזשעט
ביז וואַנען דער הערבסט איז געקומען,
און ס'האָבען דעם סוף פֿון די גליקען
געציינט מיר די וועלקענדע בלומען...

## מלכות

האָב איך אַ מלכה דאָן בין איך אַ מלך,
פיהר אַ מלוכה, רעגיער.
איז מיר די מלכה פערלאָרען — אויס מלך,
און די מלוכה מיט איהר.

אַ, וויפיעל מלוכות האָב איך שוין פערלאָרען,
מלכות — זיי זיינען ניט טריי.
כ'וואָלט דאָך אַ מלכה נאָך ווידער גענומען —
אומעטיג איז סיי ווי סיי...

## צו...

עס לויערן, קינד, אויף דיר דאַרשטיגע אויגען
אויף איטליכען טריט,
און ווערסט וואָס אַ טאָג אַלץ אין נעצען פערצוויגען,—
איך וואָלט דיך פערהיט!

אויף פליגלען פון אָדלער וואָלט איך דיך געטראָגען,
מיין הערליכעס קינד,
ווייט פון דער ערד, פון די זאָרגען און פּלאָגען,
ווייט פון איהר זינד.

איך וואָלט אויסגעמיטען אפילו די שטערען,
אויך זיי ניט געטרויט —
כ'וואָלט וועלען, דו זאָלסט נאָר אליין מיר געהערען,
נאָר מיר און דעם טויט!...

## טייערע בילדער

טייערע בילדער
פון יוגענד פערגאנגענער,
כ'בין ביי איך שטענדיג,
ווי א געפאנגענער.

איז זי געוועזען
ניט קיין געלונגענע —
שוועבען דאך אלץ נאך
טרוימען צושפרונגענע...

ציהען זיך בילדער,
ווי אויף א שנירעלע:
ס'לייכטען זיך אויגעלעך:
אסתר'קע... מירעלע...

בלייבסט ווי דערשראקען,
בלייבסט א פערוואונדערטער:
ס'איז אזוי ווייט איצט
פאר מיילען פאר הונדערטער...

## זיי אַ שוץ מיר...
(נאָך ביאַליק)

זיי אַ שוץ מיר, זיי אַ שוועסטער,
זיי אַ מאַמע מיר אפילו,
לאָז מיין קאָפּ אין שוים דיר לעגען,
אויסצוגיסען דיר מיין תפילה...

און פאַר נאַכט, אין צייט פון רחמים
וועל איך עפנען דיר מיין טענה!
מ'זאָגט ס'איז ערגעץ דאָ אַ יוגענד —
וואו איז מיינע?

און אַ סוד נאָך וועל איך פרעגען:
כ'בין פערברענט פון שעה'ן טריעבע;
מ'זאָגט, ס'איז ליעבע אויף דער וועלט דאָ —
וואס איז ליעבע?...

שטערן האָבען מיר בעטראָגען
און דער חלום איז קיין וואָהר נישט;
איצטער אין דער וועלט דער גאַנצער
האָב איך גאָר נישט...

זיי אַ שוץ מיר, זיי אַ שוועסטער,
זיי אַ מאַמע מיר אפילו,
לאָז מיין קאָפּ אין שוים דיר לעגען
אויסצוגיעסען דיר מיין תפילה...

## אין א שלאפלאזע נאכט

אך, עס איז ניט אויסצוהאלטען! —
ווי עס שלייכען זיך געשטאלטען
אין דער נאכט אהן שלאף, אהן רוה!
אלטע טעג, שוין לאנג פערגאנגען,
פול דער צימער אנגעגאנגען,
און זיי קומען נאך אלץ צו.

פול דעם צימער אנגעלאפען,
מאנכע דראהען, מאנכע שטראפען,
אלע אבער פריינד, אויף דו...
איין געשטאלט נאר איז מיר טייער,
אין די אויגען ברענט א פייער, —
יוגענד־ליעבסטע, — דאס ביזטו!...

## דער הימעל...

דער הימעל איז לופט — עס איז מעגליך!
די ערד אָבער, פריינד, איז אונערטרעגליך.
זי האָט מיך אזוי מיעד געמאַכט — —
די בעסטע כוחות אויסגעבראַכט
אויף נויט, אויף פּיין...
אַ פריינד, מיין בעטען הער:
דעם הימעל ניט צושטער —
לאָז דעם הימעל זיין!

## קאַרטען-שטיבלעך

ווען איך בין געווען אַ קינד נאָך
און געבליהט, וו'אַ בלום אין גאָרטען,
פלעג איך ליעב האָבען צו בויען,
קליינע שטיבעלעך פון קאָרטען.
אָ, דו ליעבע קינדהייט מיינע!
אָ, איהר שעהנע, גוטע יאָהרען!
איך געדענק אייך און די הייזלעך —
קאָרטען הייזלעך אין פיעל גאָרען.
יאָ, איך בין געווען אַ מייסטער —
הויכע שטאָקען פלעג איך שטעלען,
און בעטראַכטענדיג דעם בנין,
פלעגט מיין הארץ זיך פרעהען, קוועלען.
„זעהט, ווי הויך און שעהן מיין הויז שטעהט!“
פלעג איך רופען מונטער פרעהליך —
„נאָר ניט ריהרט עס אָן, אָך, היט זיך, —
„נאָר פּאַמעליך, נאָר פּאַמעליך...“
דאָך ביי'ן יעדען מינדסטען אָטהעם
און מיין בנין איז צופלויגען,
און בעטראַכטענדיג דעם חורבן,
פלעגען פייכט זיין מיינע אויגען.
לאָזען לאַנג מיין הויז דאָך ליעגען
איז אַ חרפה, איז אַ שאַנדע —
„איך וועל ווידער עס אויפשטעלען!“
הערט זיך מוטיג מיין קאָמאַנדע.

כ'האָב איין האַנד די זעלבע קאָרטען
און דער ווילען איז נאָך גרעסער,
און איך האָב גענומען בויען
אויף דאָס נייַ מיין הייזעל בעסער.
לאַנג איז דאָך דער ווינטער אָבענד
און דער ווינד. ער פייפט אין קוימען,
שטונדען לויפען און איך מערק ניט,
כ'בוי מיר הייזלעך — קינדער־טרוימען!...

* *
*

לענגער זיינען יעצט די נעכט נאָך,
און די ווינטען פייפען בייזער;
און איך הער ווי דרויסען פּלאַצען
גים פון קאַרטען — עכטע הייזער!
אָך, ווי וואָלט איך איצטער וועלען
אין די הייזלעך זיך פערשפּיעלען,
נאָר וואו זאָל איך נעהמען קאַרטען,
נאָר וואו זאָל איך נעהמען ווילען?
מיינע קאַרטען — פיעל צוריסען
און די איבריגע פערשימעלט,
און דער ווילען אין א ווינקעל
פון מיין הארצען ליעגט און דרימעלט...
אָך, ווי לאַנג דער אָבענד ציהט זיך,
ס'האָט די אוהר ערשט צעהן געשלאָגען;
גאָט דו מיינער! וואָס־זשע טהוט מען
ביז ס'וועט אָנהויבען צו טאָגען?

## א געדאַנק

מיר זינגען קיינמאָל, וואָס מיר ווילען
און זאָגען קיינמאָל, וואָס מיר דאַרפען,
און וואו אהין מיר זאָלען ציעלען,
דאָרט קענען קיינמאָל מיר ניט וואַרפען.

און אונזער לעבען איז א לאַנגער,
א דריקענדיגער פאַלשער ניגון,
און אלץ וואָס ווייטער ווערט אונז באַנגער,
און זוכען אלץ זיך מעהר בעטריגען...

## הערבסט-רעגען

2.

ווי די טראָפּען טריפען שטיל,
און ווי לאַנגזאם און ווי קיהל,
פּונקט זיי וואָלטען אָבגעגעבען
מיר א חשבון פון דעם לעבען.

ווי זיי טריפען ניט געאיילט,
ווי זיי וואָלטען אויסגעצאיילט
פון דעם לעבען אלע רגע'ס
אלע אונגליקען און פּגע'ס...

הערט אויף צעהלען! ס'ווערט צו באנג
און דער חשבון איז צו לאנג,
און ווי פיעל איהר זאָלט ניט צעהלען,
בלייבען וועט א סך פערהיילען...

## 2.

פייכטע ווינדען וועהען<br>
אין דער טריעבער לופט:<br>
פוילע חמארעס געהען<br>
אין געשלאָסענע רייהען —<br>
קוים דער רעגען טריפט!

געלע בלעטער ליגען<br>
אויף דער קראנקער ערד,<br>
ווי א פיינד בעזיגען,<br>
וואָלט נאָך לאנגען קריגען<br>
זיי מיט שארפען שווערד...

* *
*

איך האָב זיי געגעבען
דאָס שעהנסטע פון לעבען:
אַ, לויטערע טרעהרען ווי גאָלד,
מען האָט מיר מיט שטיינער בעצאָהלט!

נו, וועל איך מיך יעצט דאָך ניט קלעמען,
די שטיינער זיי וועל איך מיר נעמען,
איך וועל אויך מיט שטיינער צו האַנדלען:
איך וועל זיי אין פּערלען פערוואַנדלען.

## פון שטאדט

נו, איז עס א מאדנע, משוגענע וועלט:
איך געה אין די גאסען פון אומעט געקוועלט;
און מענשען זיי געהען פאמעלעך און גיך —
וויפיעל פון זיי זיינען אויך איינזאם ווי איך —
ווי גוט וואלט געוועזען צו איינעם פון זיי
גלייך צוגעהן, זיך טיילען די פרייד און דעם וועה;
שטיל צוגעהן און דריקען א מענשליכע האנד — —
נו, איז עס א מאדנע משוגענע וועלט:
עס האט אונז נאך קיינער דא ניט פארגעשטעלט;
נו, בלאנזשעט איך, מענשען—איהר זענט ניט בעקאנט.

* *
*

(פריי איבערזעצט)

אויסגעזונגען אַלע לידער,
אָרים האַרץ דו, שוויג אַביסעל:
ס'איז אויף אַלץ שוין דאָ אַן ענטפער,
ס'איז צו אַלץ שוין דאָ אַ שליסעל...

כ'בין דער לעצטער שוין פּאָעט
און דער לעצטער אויפגעשטראַהלט,
ווי אַ פונק ביי נאַכט, וואָס פאַלט
פון אַ נוסס'ער פּלאַנעט...

און נאָך מיר אַ פינסט'רע נאַכט —
פון דער וויסענשאַפט אַ בליהען
און דער שכל וועט זיך מיהען
אויסצוראָטען פאַנטאַזיען,
און אַ ווינטער וועט זיך ציהען
אין אַ גרויען אומעט־טראַכט...

## דער איינגעשפארטער

אַ, צו'ם טייוועל, איך וועל אייך ניט הערען,
חאָטש אפילו איהר האָט רעכט,
חאָטש איך פיהר מיך אויף גאָר שלעכט,
דאָך איך דארף ניט איי'רע קלוגע לעהרען!

וואָס איך טהו — דאָס פיהרט צו טויט און חעלע
און דאָס אלץ, וואָס איך בעגעה
טהוט דערנאָכדעם אזוי וועה,
דאָך אין וועהטאָג לייטערט זיך די זעלע!

## מיין ליעד

און וואס איך פערמעג,
און וואס איך בעזיץ:
פון ליכטיגע טעג
דעם שיין און דעם בליץ;

פון פינסטערע נעכט
דעם זיפץ און די טרער,
דאס בינד איך און פלעכט
אין ליעדער אהער.

עס איז א געמיש
פון שאטען און שטראהל:
פון איהרען א קיש,
א ווארט ווי פון גאל.

אביסעל פערזיסט,
אביסעל פער׳סם׳ט;
עס איז ניט אומזיסט
דאס ליעדעל בע׳טעם׳ט...

## אין וואַלד

(נאָך ליליענקראָן.)

קיין מיטאָג געגעסען
האָט ער אַ וואָך צייט,
קיין געלד און קיין לויהן,
און די היים — אַזוי ווייט.
שטאָט אַרבייט געפינען —
נאָר הונגער און נויט,
נאָר וואָגלען און בעטלען
און קוים אַ בראָק ברויט...

וואָס געהט ער, דער אַרבייטער,
אום דאָ אין וואַלד?
וואָס ווערט איהם דאָ היים
און וואָס ווערט איהם באַלד קאַלט?
וואָס קוקט ער פערצאָרענט,
פער׳יאושט אין רוים,
וואָס בלאָנזשעט זיין בליק
פון אַ בוים, צו אַ בוים?

די זון געהט אַרונטער
און שטיל ווערט אַרום,
אַ פויגעל נאָר רעדט וואָס
און ווידער שווין שטום;

וואָס האָט זיך צושאָקעלט
דער בוים הין און הער —
צי איז דען דער מאָגערער
מענש אזוי שווער?

דאָס שטריקעל — א לייכטעס,
ניט איבעריג גראָב —
נו, ליעגט שוין זיין האלז דאָרט
און לאָזט שוין ניט אָב...
דאן זינקט ער אראָב,
שא... קיין קרעכץ און קיין קול—
די זון אָנגעקוקט האָט ער
שוין א לעצט—מאָל...

דער טוי אויף איהם פאלט,
ס'האָט דער טאָג שוין ערוואכט,
דער פאסטוך ער שאלט,
א טייבעלע לאַכט...
עס לעבט און עס שוועבט
ווי ס'וואָלט גאָר נישט פאסירט,
א גוינטעל גלייכגילטיג
פייפט אונטער, שפאציערט...

א יענער פון בערגעל
קומט אונטען אראָב,
דערזעהט דעם געהאנגענעם,
שניידט איהם באלד אָב,
ער גיעט די בעהערדען
צו וויסען עס באלד:
זשאַנדאַרמען און אויספאָרשער
קומען אין וואַלד.

אין פראַק אין אַ העלען,
א הערר פון געריכט
פאַרשט אוים צי קיין רויבמאָרד,
ווי ס'הייסט איהם זיין פפליכט.
זיי פיהרען דעם מת דערנאָך
ערגעץ אוועק,
און שפעטער — א קבר
אין פעלד, און אנ'עק!

און ווייל ס'האַט איהם קיינער
פון פריהר ניט געזעהן,
בעקומט ער די נומער
דרייהונדערט און צעהן:
דרייהונדערט און נײַן
איז בעגראַבען שוין לאַנג —
ווער האַט זיי געליעבט,
ווער טהוען זיי באַנג?

## נאָך ליעבע

ס'איז שוין שפּעט געוועזען אין אָווענד און ער'
אין גאַס, האָט געבלאָנזשעט אהין און אהער:
געזוכט אַ בעקאַנטען — דאָס הארץ האָט געקלעמט.
נאָר קיינעם געפונען, אח, אַלע ווי פרעמד!

צו געהן אין זיין צימער האָט ער נישט געקענט:
דאָרט שרעקען איהם איינזאמע, גרויע פיער ווענט.
דאָרט האָט ער אויף ביכער, — זיי זיינען שוין אַלט,
און זייערע ווערטער, ווי שווער און ווי קאַלט!
נו, האָט ער בעגעגענט אַ פרוי אין אַ ראָג —
אַ סימבאָל פון שטאָדטיגען עלענד און פּלאָג.
זי האָט אָנגעקוקט איהם, ווי שמייכלענד, דאָך שטום,
נו, האָט ער פערשטאַנען און האָט געזאָגט: קום!

זי האָט איהם דורך די גאַסען און געסלעך געפיהרט
און פונקט, ווי איהר שאָטען האָט ער זיך געשפּירט...
עס האָבען איהם דונקעלע הייזלעך געשרעקט —
„ווי ווייט איז צו געהן נאָך?" האָט שטיל ער געפרעגט.

## איך וויל נישט

איך וויל נישט זיין גרוים — מיך ציהט נישט דערצו —
וואָס האָט פאר דער צייט די גרויסקייט א ווערד?
איך וויל נאָר אביסעל הארמאָניע און רוה,
און ווייניגער טרערען צו זעהן אויף דער ערד.

איך וויל נישט קיין קאמפף און וויל נישט קיין שטרייט,
צו ברענגען מיט געוואלד דעם עקשן, דאָס גליק;
איך וויל נאָר, אז קלוג זאָלען ווערען די לייט. —
זאָל יעדער אליין זיך בעפרייען פון שטריק...

## פריהלינגס-פרייהייט

עס האָט שוין דער הער־גאָט די פרייהייט געשענקט
און ניט נאָר פערשפּראָכען, נאָר טאַקי ערפילט:
די ווינדען די בייזע — זיי זיינען געשטילט,
קיין חמאָרע קיין שווארצע דעם הימעל פערהענגט.

דער שנעע — ער צולאָזט שוין; מען זעהט, ער געהט אויס,
עס ווייזט זיך שוין ערטערווייז שטיקעלעך ערד;
עס האָט זיך א ליעד פון א פויגעל דערהערט, —
די זון קוקט שוין אָפען פון הימעל ארויס.

די וואסערליך פליסען און פלוידערן פריי,
דער ווינטער פערשפּארען זיי וועט שוין ניט מעהר:
און וואו נאָר דו גיסט דיינע אויגען א קעהר,
דערזעהסט דו, ווי ברייט און ווי העל און ווי נייַ!

# אידישע מעלאָדיען.

1.

## דער תלמוד

כ׳נעהם דעם תלמוד אין דער האנד
און ס׳ענטפלעקט זיך נייעם לאנד,
נייעם לאנד און נייער ישוב,
און עס שוועבט אויף אלץ א כשוף...

ס׳וועהט, עס געהט אנ׳אנדער׳ לופט
און א בת־קול, דאכט זיך, רופט;
רופט צו די וואס זיינען זוכה —
מיט געדאנקען ריינע, הויכע.

און ביים מישען יעדעס בלאט
עפעס רוישט און פליסטערט: שאט!
שאט, רבותי, דא איז הייליג,
גרויסע האבען דא א חלק...

גרויסע גייסטער, ניט ווי מיר,
קענען קומען אין דער טיהר,
וואו אהן אנהויב און אהן ענדען
וועהען בת־קול׳ס און לעגענדען...

2.

## כל נדרי

א, דו טרויריג־זיסער ניגון,
וויפיעל זיפצען, קרעכצען ליעגען
אין דיין יעדען קלאנג!

אלטע בילדער און געשטאלטען
פון דעם גרויסען פאלק און אלטען
שטעהען אויף פון לאנג.

א, זיי שטעהען אויף פון העהלען
און זיי קרעכצען און דערצעהלען:
פון הישפאניען שטאמט
יענער ניגון וואס ער ציהט זיך
און די אלטע וואונד צוגליהט זיך
און דער גלויבען פלאמט!

ס'האט פערפאסט איהם דארט דער גלות
און דא קלינגט חרמות, קללות
פון א פאלק, וואס האט
נישט געטארט זיין תורה היטען,
זיינע מצות זיינע זיטען
און געבעטען גאט:

„זיי אונז מוחל, וואס פון אויבען
האבען מיר מיט פרעמדען גלויבען
אונזער גוף פערהילט!

אונזער הארץ דאך קען נישט שטילען:
הייסע אידישע געפיהלען
ברענען דארטען ווילד!"

3.

## אין סכה

(אין פאָלקס־טאָן)

אַ סכה אַ קליינע
פון ברעטער געמיינע
האָב איך קוים מיט צרות געמאכט!

געדעקט דעם דאַך
מיט אַ ביסעלע סכך
און איך זיץ אין איהר סוכות ביי נאכט.

פון ווינד דעם קאַלטען,
וואס בלאָזט דורך די שפּאַלטען
מיין ליכטעלע לעשען זיך וויל;

דאָ מאַך איך מיר קידוש,
און זעהט נאָר אַ חידוש:
דאָס ליכטעל ברענט רוהיג און שטיל!

4.

## א האָר פון באָרד

כ'האָב אין קלייזעל אין אַ ספר
פון א באָרד אַ האָר געפונען,
און: „ווער איז זי, ווער?“ די שאלה
געהט מיר ניט ארויס פון זינען!

ווער פאָרט האָט זי אויסגעריסען,
און אוועקגעלעגט אהער?
צי אַ בטלן, ווען די סוגיאַ
איז איהם צוגעגאנגען שווער?

אפשר איז זי פון אַ פּרוש?...
לאַנג נישט אין דער היים געווען...
האָט געצופּט די באָרד פאַר ווייטאָג,
וואָס ער קען זיין ווייב ניט זעהן?

אפשר אַ ישיבה־בחור?
האָט דעם טאָג נישט אָנגעביסען...
און אז ס'האָט געצופּט דער הונגער,
האָט ער זי דאָן אויסגעריסען?...

5.

## די פעררעטערין

(פראגמענט)

עס האָט געצויגען איהר מיט ווילדען גלוט
צום פרעמדען, פרעמדען פאָלק, צום פרעמדען בלוט...
געקוקט האָט זי פעראכטליך אויף איהר שטאַם,
צום פרעמדען האָט געגליהט איהר ליעבעס־פלאַם.
און ניט דעם פרעמדען נאָר — דעם שונא אויך,
וואָס האָט אין חרבות און אין אַש און רויך
פערוואַנדעלט אזוי בייז איהר פאָלקס פערמעג,
אין וויסטעניש געבראַכט אויף לאַנגע טעג...

און ווען דער שונא האָט זיין גאַנצען האַס בעצאָהלט,
האָט ער נאָך נוקם זיין זיך אַלץ געוואָלט,
ער האָט אין אינווענינג נאָך אַלץ געפלוכט
און האָט דעם פאָלקס נשמה בייז געזוכט...
און זי אָהן קאַמפף נאָר רוהיג, שטיל און שא
האָט איהם געשמייכעלט: ווילסט מיין זעעלע, נאַ!
ווען ס'פאָלק האָט שטיל געקרעכצט פאר וועה און שפּאָט,
האָט זי געקניהט זיך פאר'ן שונא'ס גאָט...

6.

## חנוכה

„ברוך אתה!
זינגט דער טאטע
און ער צינדט די ליכט,
און די שטראהלען,
מילדע, פאלען
אויף זיין בלאס געזיכט.

און א פייער —
הייליג, טייער —
אין די אויגען לייכט,
און דער מידער
מיט די גליעדער
האט זיך אויסגעגלייכט.

און עס דאכט זיך,
און עס טראכט זיך:
ס'איז נאך עפּעס דא;
ס'איז געבליעבען
וואס צו ליעבען —
הייליג איז די שעה!

אלטע קלאנגען
לאנג פערגאנגען —
ניין! עס קלינגט נאך צייט

זינג מיר מאמע
ברוך אתה
און איך בלייב דיין קינד!...

## איך האָב ליעב...

איך האָב ליעב א שיף
נאָך פון קינדערווייז אויף;
איהרע קוימענס הויך
קוקען שטאָלץ ארויף.
הודזשען נאָכאנאנד,
שיעסען מיט א רויך.
גיהט די שיף אליין
אזוי פריי און שעהן
איבער ימים טיעף — —
איך האָב ליעב א שיף!

* * *

איך האָב ליעב א ווינד,
שטורעם אויפ'ן ים;
כוואַליעס יאָגען זיך,
בילדען אוים א צאָם.
כוואַליעס הויבען זיך
און צושלאָגען זיך.
וואַרפט די שיף זיך אום
אויף די זייטען קרום
הער און היין געשווינד — —
איך האָב ליעב א ווינד!

* * *

איך האָב נעבעל ליעב
אויפ'ן ים געדיכט;
ס'ווערט אין מיטען טאָג
אוים מיט שיין און ליכט.
פליהען זיי ארום
די מאטראָסען שנעל,
זוכען זיי א ליכט,
ווערען זאָל עם העל.
איז אומזיסט די מיה,
וויסען זיי ניט ווי —
פינסטער... קאלט און טריב... — —
איך האָב נעבעל ליעב!

* * *

איך האָב ליעב דעם ברעג
וואו די שיף קומט אָן:
אין דעם נייעם לאנד
וועל איך וואונדער טהאָן.
איך בין דאָך נאָך פריי,
דאָ נאָך אומבעקאנט.
וועל איך זיין אליין,
וועל איך לעבען שעהן
ביז די ווייטסטע טעג — —
איך האָב ליעב דעם ברעג!...

* *
*

מיין קינד געווען איז קראנק און בלייך
נאָר זיס און ליעב און צארט און ווייך,
איך האָב מיט איהר קיינמאָל געהוליעט,
איך האָב זי נאָר צו זיך געטוליעט.

געטוליעט צארט ביי טאָג, ביי נאַכט,
ביז וואַן איך האָב זי געזונד געמאַכט,
און ווי זי איז געזונד געוואָרען,
זייט דאמאָלט האָב איך זי פערלאָרען.

# אויף קאַראַאול

(אויף וואַך)

...און ווערט דער הימעל פינסטער, שוואַרץ
בעדעקט מיט וואָלקענס פול, —
אַ, דאַן בעדוויער מיך, מיין פריינד:
איך שטעה אויף קאַראַאול!...

און גיט דער דונער הויך אַ קלאַפּ
עס ציטערט אַזש דיין הויז —
אַ, דאַן בעדוויער מיך, מיין פריינד,
און לאַז אַ טרעהר ארויס...

אַ, דאַן בעדוויער מיך, מיין פריינד,
און זאָג מיט מיטלייד פול:
„ווי שרעקליך איז אין דונער, בליץ,
צו שטעהן אויף קאַראַאול!"...

און גיעסט דער רעגען האַסטיג, פלייצט,
דו לויפסט אהיים זאַפאַרט —
אַ, דאַן בעדוויער ווידער מיך:
איך ריהר מיך ניט פון אָרט:

בעדוויער מיך, מיין ליעבער פריינד:
דו זיצסט שוין אויף דיין שטול, —
דער רעגען נעצט און ווייקט מיך אויס:
איך שטעה אויף קאַראַאול!..

אוּן יאָמערט דאָרט דער ווינד ביי איך,
און רייסט מיט גוואַלד די טהיר,
און פייפט, און קנאַקט, און יאָמערט ווילד,—
אַ, דאַן בעדויער מיך:

דאַן פלאַצען דעמבעס אויך אין וואַלד
און חיות פאַלען פול, —
איך איינער שטעה נאָר אונבעוועגט:
איך שטעה אויף קאַראַאול!...
קאָוונאָ, 1895

## צו'ם רייכען ברודער

דו האָסט פערגעסען דעם ברודער'ס נויט,
זיין עלענד און זיין פיין,
און ווען ער איז געזעסען אָהן ברויט
האָסטו געטרונקען וויין.

און ווען ס'האָט ביי איהם אין פּאָדוואַל
ס'לעמפּעל געדוייכערט די ווענד,
האָט דעמאָלט ביי דיר אין דיין זאַל
צעהען בליטץ-לאָמפּען געברענט.

און ווען ס'האָט דער פראָסט געקנאַקט
און ער האָט געציטערט פאר קעלט,
האָסטו די קאַמינעס מיט האָלץ געפּאַקט
און שעלמיש געלאַכט אויף דער וועלט.

און ווי נאָר ס'איז געקומען דער מאַי,
האָסטו שוין אין וואַלד זיך געקוויקט,
געלעגען אויפ'ן גראָז, געפיהלט זיך פריי,
און איהם האָט די לופט דאָ געשטיקט...

## צו...

ווי פריש דו ביזט און ווי געזונד !
עס וועהט פון דיר דער דופט פון לעבען,
און זיצסטו, מיידעל, מיר דערנעבען
פערהיילט זיך יענע אלטע וואונד !

א, יענע וואונד, וואס האט געמאכט
דאס קליינע מיידעל און די שוואכע,
וואס האט געפילט מיין הארץ מיט ראכע
און האט פערקעהרט מיין טאג אין נאכט.

איך לעהן מיך אהן אן דיר און וויים —
עס קעהרט זיך אום דער אלטער שאדען
און ס'האט די וועלט צוריק א באדען
און קענסט נאך ליעבען ווידער היים.

## די ערשטע טעג

די ערשטע טעג האָב איך געמיינט
אַז דער הימעל פֿאַלט אַראָב,
און ער טרעפֿט מיר גלייך אין קאָפּ, —
אָ, ווי האָב איך דאַן געוויינט!

דו ביזט אַלץ ניטאָ... פֿערטראַכט
געה איך אום, פֿערקלעמט, פֿערבענגט,
דאָך דער הימעל רוהיג הענגט
און עס דאַכט מיר, אַז ער לאַכט...

# איך זיץ...

(נאָך קנוט האַמסון)

1.

איך זיץ און איך גריבעל און קען ניט פערשטעהן:
דער קאָרען פערשניטען, די בלעטער צושאָטען,
און אלץ, וואָס אין זומער געבליהט, איז צוטראָטען.
דאָס גראָז האָט געגרינט נאָר כדי צו פערגעהן —
איך קען ניט פערשטעהן!

דאָס גראָז האָט געגרינט, כדי היי ווערען שפּעטער,
דאָס קאָרען — צו שטילען דעם הונגער און נויט,
די בלעטער — צו קיהלען אין ברענענדען וועטער —
און מיר האָבען פריידען געבליהט אזוי רויט
און זיינען איצט טויט!

2.

גאָט שטראָף דיך, אלווידע.
דו האָסט גערויבט מיין גליק
און האָסט געפיהרט מיך בלאָנזשענד,
און נעהמסט דיין וואָרט צוריק.
א ווייטער וועג ערוואַרט מיך צינד,
דאָרט שיינט קיין זון, דאָרט וויינט דער ווינד —
גאָט שטראָף דיך, אלווידע.

גאָט בענש דיך, אלווידע,
פאר יעדען אויגענבליק.
דו האָסט מיך פיעלע נעמען
גערופען, אויך דיין גליק.
דו לאָזסט מיר אין דיין הארץ אריין
און ביזט א ווייל געוועזען מיין.
גאָט בענש דיך, אלווידע!

## די עלטער

ווי עס טהוט דאָס הארץ מיר וועה,
ווען איך זעה דעם אַלטען אידען
און זיין טריעב־פערלאָשען בליק,
און זיין פּנים בלאָס און מידען.

אָבגעשטופּט דאָס וועלטעל שווער,
ווי א פול־געפּאַקטען וואָגען;
נאָכגעגאַנגען און געשטופּט,
ווי די כוחות פלעגען טראָגען.

איצטער איז ער אַלט און שוואַך,
אוים אמונה, אוים בטחון,
און דער וואָגען סקריפּעט שווער,
און די רעדער באלד צובראָכען...

## צום איינזאַמען

וואו דו קומסט — ביזטו קיין היגער,
וואו דו קומסט — ביזטו אַ גר;
ביזט פאר אַלע בעסער, קליגער
און דאָס וועט דיר אויסגעהן שווער.

דען די וועלט האָט פיעל מדינות
און פיעל מענשען און פיעל שפּראַך,
דאָך דיין זעעל האָט איהרע מינעס
און דאָס איז די שעהנסטע זאַך.

זאָל מען לאַכען, זאָל מען שפּעטען,
זיי ניט בייז, צוריק ניט שעלט!
לאָז דיין שפּור נאָר ניט פערטרעטען,
נעה און בלייב אַליין אַ וועלט...

* *
*

קוק דעם אומגליק אין די אויגען
מיט א שמייכעל אויף די ליפּען,
זאָל ער זעהן דיין מוט און כח,
זאָל ער זעהן דיין שטאָלץ.

זאָל איהם טרעפען דיינע בליקען,
ווי די פיילען פון דעם בויגען
אויפ'ן ברייטען, ווייטען שלאַכט־פעלד
אין דעם שונא'ס ברוסט!

און ענטלויפען זאָל דאָס אונגליק
צו דער נארישער השגחה,
און זיך קלאָגען א פערשעמטער:
אָ, דער מענש איז שטאַרק!

*

## דאָס בוימעלע

אַט שטעהט דאָרט אַ בוימעל
נאָר עלענד אַליין;
דעם ווינטער דעם גאַנצען
אַזוי וועט עס שטעהן.

עס וועט איהם פערשיטען
אַהן מיטלייד דער שניי —
איך קוק אויף דעם בוימעל,
און ס'טהוט אַזוי וועה.

און ציהען זיך, ציהען
דער ווינטער וועט לאַנג,
אַהן וואַרימע שטראַהלען,
אַהן פייגעל־געזאַנג.

אַרום ווי אַ חורבן
אַלץ נאַקעט און בלויז,
דער ווינד נאָר וועט רוישען
און ליאַרמען בייז...

איך וואַרף צו דיר בוימעל,
מיין פייכטליבען בליק:
צי וועל איך דיך טרעפען
אין זומער צוריק?...

## דער צופריעדענער

איך האָב ניט, ווי שלמה, געהאט טויזענד פרויען,
(דאָס וועט איהר, איך גלויב, אָהן א שבועה מיר טרויען).
און מעג ווי פערדריסען און מעג זיין ווי שאדע —
קיין גערטנער, פּאַלאַצען פערמעגט ניט אוודאי.
איך האָב ניט קיין קנעכט און קיין שאָף און קיין רינדער,
איך האָב ניט געהאט עס און האָב ס'ניט אצינדער.
און טאָמער איז אייך אָט דאָס אלעס נאָך ווייניג —
נו, ווייסט נאָך: כ'בין קיינמאָל געוועזען קיין קעניג.

נאָר וואָס־זשע? וואָס שמידט מיך, וואָס האלט מיך ביי'ן לעבען?
איך האָב א שולמית איין קוש נאָר געגעבען —
און פרעמד קלינגט מיר איצט שוין דער הבל הבלים.
און ס'ווילט זיך מיר לעבען מיט אלעם בשלום...

## זון און פעלד און וואלד

זון און פעלד און וואלד,
און א פויגעלס ליעד —
אָ, דו טרויריג הארץ,
מיאש זיי זיך ניט!

שטראהל מיט זון צונלייך,
שטיל ווי ביימער זיי,
און צוזינג זיך גלייך
מיט דעם פויגעל פריי!

זעה ארום, ווי מילד,
זיי אויך דו ניט שלעכט —
שווייג אביסעל שטיל:
ס'וועט שוין ווערען רעכט...

## ווען דאָס לעבען...

ווען דאָס לעבען איז פערביטערט
און דאָס הארץ הויבט אָן צו קלעמען,
און א טרער אין ד'אויגען ציטערט,
און דערצעהלען — האָסט ניט וועמען.

ס'וועהט א קעלט אויף דעם ירידל,
אייז — צו וואָס דו שטעקסט זיך צו;
אַ, מיין אָרים־אידיש ליעדעל —
בלייבט מיר דו חאָטש, ווארעם דו!

## גרינע

### 1.

מיר זיינען מיט א פרעמדער שיף
געקומען דאָ אהער;
א פרעמדער קאפּיטאן געפיהרט
האָט אונז אויף ברייטען מעער.
די שיף האָט זיך געוויעגט אהין
און זיך געוויעגט אהער;
און האָט זי וועמען איינגעוויעגט —
האָט ער גע'חלומ'ט שווער.

2.

א נייע לאַנד, א פרעמדע לאַנד —
ווער זיינען דאָרטען זיי? — —
ווער ס'האָט א ווייב געלאָזט אליין
מיט קליינע קינדער צוויי.
א גערטענדעל, א שטיבעלע,
א טאַטען, ווייס ווי שניי...
און ס'האָט דאס הארץ ביי איטליכען
געדריקט אַן אַנדער וויה...

## 8.

ווי לאַנג וועט גערן די שיף, ווי לאַנג?
האָט יעדער שטיל געטראַכט.
נעפּרעגט ביי איין מאַטראָז, האָט ער,
אַ פרעמדער, זיך צולאַכט.
געביטען האָט אַ נאַכט דעם טאָג,
דעם טאָג — אַ שוואַרצע נאַכט,
ביז וואַן דער פרעמדער קאַפּיטאַן
האָט אונז צום ברעג געבראַכט...

## 4.

בענגענט האָט א פרעמדער אונז
און שטרענג געפרעגט: געזונד?
און האָט בעטראכט אונז יעדערן,
ווי מען בעטראכט א הונד.
געקוקט אין ד׳ אויגען, און אין מויל,
בעטראכט אונז מיט א גרונד — —
וואָלט ער געקוקט אין הארצען נאָך, —
וואָלט ער דערזעהן —א וואונד...

## 5.

מיר האָבען זיך די הענד דערלאַנגט
און זיך צוזעגענט שטום...
ווען מען זיך ווען בעגעגענען
אין יאָהרען לאַנג ארום?...
פון ווייטען האָט די שטאָדט געדראָהט,
געשראָקען מיט איהר ברום...
און צווישען צעהנדליג שפּראַכיגע
געגאַנגען זיינען מיר שטום...

# פונטע ליעדער.

## א תפלה

גאָט העלף זיי, די מענשען, מיט פליגעל,
וואָס שטאַמען פון העכערער פרייד;
אַ, שענק זיי די פרייהייט אָהן ריגעל,
בעהיט זיי פון נעצען פון נייד.

זיי זייגען פון פרייהייט די טרעגער,
די טרעגער פון אייביגען ציעל;
בעשיץ זיי פון נעצען און יעגער,
וואָס לויער'ן אויף זיי אַזוי פיעל!

און קענסטו פון שלעכטס זיי ניט שיצען —
די רשעות איז שטאַרק אַזוי, פרעך! —
דאַן שיק אויף זיי דונערן, בליצען
און זייערע פליגעל צובריך!

און זאָלסט זיי אין אבגרונד ווארפען,
וואו טויט איז און חושך און קעלט,
זיי זאָלען ארומגעהן ניט דאַרפען
פערבענקטע נאָך דיר, אויף דער וועלט!...

## מאָדערנער ראָמאַנס

אין קאַפע־הויז ביי א טישעל
האָבען זיך צוויי שיך צורעדט!
איינער מיט א שפּיץ א ברייטען
און דער צווייטער שמאָל און נעט.

זאָגט דער ברייטער שפּיץ: העי, קלאַרע,
ווען־זשע וועסטו קומען פאָרט?
איך האָב שוין בעשטעלט א צימער
אין א שעהנעם שטילען אָרט".

טרעט צוריק דאָס קליינע שיכעל
אויפ'ן ברייטען שפּיץ גאַנץ מילד:
„פאַרזיכטיג — ער קען נאָך מערקען
און קען ווערען בייז און ווילד".

ענטפערט אָב דער שוך דער ברייטער,
טרעט דעם קליינעם שוך ביז וועה:
„האָב נישט מורא פאַר דיין שוטה —
זעהסט ניט ווי ער טרינקט דעם טעע".

וויינט דאָס שמאָלע נעטע שיכעל,
ריהרט דעם ברייטען שפּיץ קוים אָן:
„איך בין כלומר'שט, דאָך פערהייראַט,
וואָס־זשע, ליעבער, קען איך טאָן?"

און דער ברייטער שוך ער שמייכעלט
און ער דריקט דאָס שיכעל שטארק:
„ווערסט דעם אלטען נאַרען זאָגען,
דארפסט געהן איינקויפען אין מארק“.

וויליגט איין דאָס קליינע שיכעל:
אלעס איז שוין אָבגעמאכט,
און פון שעהנע ליעבעס־גליקען
ליעגט עס אונטער׳ן טיש און טראכט...

און פערזינקענדיג אין טרוימען
האָט דאָס שיכעל זיך פעראירט
און דעם שוך פון איינ׳נעם מאן נאַר
האָט עס ליעבליך אָנגעריהרט.

און זי האָט זיך שטארק ענטשולדיגט
מיט א העפליך־זיסען נויג:
„אָה, פערצייה מיר, כ׳האָב אודאי,
אָנגעריהרט דיין היהנער־אויג!...“

## איך פיהל

איך פיהל, ווי אן אדלער אין שטייג —
איך וויים, אז דער אייזען איז דיק,
און זוך שוין קיין וועג ניט צוריק!
קיין נס וועט זיך ווייזען
דורך גראטעס און אייזען — — —
איך פיהל עס און זעה עס און שווייג!

## שטערען

עס זיצען אלע שטערען פעסט אין הימעל
און זיינען מיט דעם פלאץ אזוי צופריעדען,
און לויכטען אזוי רוהיג און בעזעסען
און פלוידערן געמיטליך איינער מיט'ן צווייטען.

זיי פלוידערן פון גאָט דאָרט אינוועניג אין הימעל
פון זייער האַרר, דער אלמעכטיגער, גרויסער,
וואָס איז דאָך אזוי לייטזעליג און גיטיג
און האָט אויף אייביג זיי געשענקט דעם הימעל.

געשענקט! זיי דאַרפען בלויז איהם שירה זינגען:
דאָס איז דאָך אזוי גרינג: בלויז דריי מאָל קדוש זאָגען,
דערביי זיך עטוואָס דרעהען, בוקען מיט הכנעה
און נאָכדעם ווייטער רוהען שטיל אין לעערען הימעל.

וואָס האָט עס פאר א ווערט פאר גוטע, שטילע שטערען!
דאָס דרעהען זיך — דאָס איז דאָך זייער גורל
און וויל זיך איינער ניט מיט אלע גלייך זיך דרעהען
דאַן פאלט ער טיעף אין תהום!

אך, פון'ם פאלענדען שטערען
לאַכען אין הימעל די שטערען,
זיי לאַכען קוים — קוים און ניט פיעל
און ווערען גלייך שטיל.

זיי זיינען ניט ווייט דאָך פון בורא,
זיי לעבען דאָרט אלע אין מורא...
נאָר פאלט ווען א שטערען אראָב
זיי שאָקלען דאָן צו מיט'ן קאָפּ.

און הויבען זיך באלד אָן בעוועגען
און פאָרשען פון בורא די וועגען,
און ברומען דאָן קדוש נאָך מעהר
פאר גאָט, זייער אייביגען הערר!

## שבת אבענד

(אַ הײמיש בילד).

שבת אבענד, חצי חודש —
די לבנה אַ פערציערטע
בלאנדזשעט אום אין מיטען הימעל,
ווי אַ מײדעל אַ פערפיהרטע.

שפעט... דאָך בײלקע קען ניט שלאָפען,
ווי אַ טורמע איז דאָס בעטעל,
און דערצו נאָך הערט זי שפיעלען —
ס'איז אַ חתונה אין שטעדטעל.

ווי די פיעדעלע צוגיעסט זיך,
דרינגט אין שטוב דורך לאָדען־שפאלטען;
ווי די טענער רופען, ציהען
און זי קען עס ניט אויסהאלטען..

ס'איז דאָס לעבען גראָה — אַז אומעט!
און אַ שמחה אזוי זעלטען;
און די פיעדעלע דערצעהלט איהר
פון גאָר אנדרע ווייטע וועלטען.

שטיל אין שטיבעל, אלע שלאָפען;
קײנעם קען די פיעדעל שטערען,
אויסער בײלקען וועקט דער חלום —
און דאָס פיעדעל וועקט בעגעהרען...

וואַרפט פון זיך אַראָפּ די קאָלדרע
און צושפּרייט די הענד, ווי פליגעלען:
זי וואָלט ערגעץ איצט געפלויגען:
נאָר די טיהר איז פעסט אויף ריגלען...

## א דיכטער׳ס חלום

ר׳טרוימט ביינאכט אין שלאף אין זיסען,
אז ער האלט אין האנד א פידעל
און ער שפּיעלט אויף איהר א ליעדעל:
און די טענער גיסען, פליסען.

און דער דיכטער ווערט בעגייסטערט
פון זיין אייגנעם זיסען שפּיעלען,
פון ערהאבענע געפיהלען —
און א סטרונע ווערט צוריסען!

ס׳פּלאצט א סטרונע פאר התלהבות!
דאך דער דיכטער שפּיעלט נאך מעכטיג:
טענער פליסען ריין און פּרעכטיג —
נאך א סטרונע איז צוריסען.

בלויז צוויי סטרונעס איהם געבליעבען,
וועט ער שפּיעלען אויף די צוויי נאר:
איינע ליעבע, איינע וועה נאר,
ביז — איין סטרונע איז געבליעבען!

בלויז איין סטרונע. דאך עס שפּיעלט נאך
און דער ניגון קלינגט און גילט נאך;
ביז די לעצטע הויבט אן פּלאצען
און עס הילכט בלויז פּויק און טאצען...

## אויף יענער זייט ים

(מלחמה־ליעד)

אויף יענער זייט ים —
ווי שרעקט עס און שרעקט:
דאָרט שטעהען די טישען
פון לאַנג נישט געדעקט.

דאָרט סקריפען די וויעגען
און וואַרפט זיך אום —
דער מאַמעס אַ ניגון
איז לאַנג שוין דאָרט שטום.

אויף יענער זייט ים —
דער פּחד ער שאַלט!
אין הייזער די אויוועגס
זיי זיינען לאַנג קאַלט.

און הייבט דאָרט אַ העלצעל
ווער אויף ווען אין גאַס,
עס ברענט ניט, עס ברענט ניט —
פון בלוט איז עס נאַס!

אויף יענער זייט ים
לויכט לאָמפּ נישט און ליכט,
עס פינקלען בלויז אויגען
פון הונגערס געזיכט...

קיין ליכט און קיין פייער
איז קיינעמס געצעלט;
אויף יענער זייט ים
פערלעשט זיך די וועלט...

## אייביגע חכמה

„איז ער געגאנגען און געגאנגען, און געגאנגען"
דערצעהלט די באָבעס האָבען אונז גאר לאנג —
די מעשה'לעך זיי זייגען לאנג, שוין לאנג פערגעסען,
דאָך זעהען מיר נאָך יענעם אַלץ אין גאנג...

„איז ער געגאנגען און געגאנגען, און געגאנגען" —
(בעהאלטען ליעגט דעריין א טיעפער זינן!)
ער האָט געזוכט, געזוכט דעם וועג און ניט געפונען
און איז געגאנגען ווייטער, ווייטער, אַלץ אהין!

און יעדער העלד פון יענע מעשה'לעך די אַלטע
— געווען איז ער א בעטלער, צי א האר —
איז ער געגאנגען און געגאנגען, און געגאנגען —
(ווי קלינגט דאָ טיעף און שעהן דעם זוכער'ס צער!)

„איז ער געגאנגען און געגאנגען און געגאנגען!" —
מיר געהען אַלע מיט מיט יענעם אַלטען העלד!
ווער ס'זוכט און זוכט א פּאלאַץ ערגעץ אונטער העהלען
און ווער א קליינע שטיבעלע אין פעלד...

## די ביבעל

### (אין קריגס־צייט)

ס'ליעגט טרויריג די ביבעל ביי מיר אויף מיין טיש,
איך שעם מיך צו געבען עס צערטליך א קיש,
אזוי ווי מיין שטייגער אין פאריגע טעג,
ווען מענש איז געוועזען נאך מענש אין זיין וועג!

ס'ליעגט טרויריג די ביבעל, געבונדען אין שווארץ
און שענע געפיהלען — געבונדען אין הארץ...
אך, אלץ, וואס געווען אזוי טייער און גרויס,
ווי שפּל און קליין קוקט עס איצטער מיר אויס!

איך עפען די ביבעל, זאל זיין וואס ס'וועט זיין!
אך, אפשר געפין איך א טרייסט צו מיין פיין!
דא האבען נביאים בעגייסטערט גערעדט,
מיט ליעבע און האפנונג די הערצער געגלעט!

איך עפען עס אויף און זאל נעהמען אן ענד!
(גיט ציטערט דערביי מיינע ארימע הענד!)
„והיה באחרית" — א „קינד מיט א שלאנג" —
א, היילינע ווערטער, ווי לעער אייער קלאנג!

„און שווערדען פאר אקערס" — א, הער אויף, א האלט,
פערדרוק אין א ווינקעל די ביבעל, בעהאלט.
דו הערסט ווי פון אבגרונד דער טייוועל ער לאכט:
מען האט אלע אקערס פאר שווערדען געמאכט!...

## די צווייטע געליעבטע

די צווייטע געליעבטע איז פונקט ווי דאָס ליכט
פון דער זון אין אַ לאַנד אין אַ נייעם; די שטראַהלען
האַליובען און צערטלען און ציהען זיך, פאַלען
און קושען דיין בלאַסען און דורשטיג געזיכט.

דאָך געהסטו דערצאָרענט אַרום אין געהיים...
די היימישע זון דאָרט איז וואַרימער, פרישער,
דער שטראַל איז דאָרט פריינדליכער, האַרציגער, זיסער,
און בענקסט אַלץ צו יענער, דער ערשטער — אַ היים!

## קרעלען

כ׳זעה אַ מיידעל — טראָגט זי קרעלען,
הויבט זי אָן מיר שטארק געפעלען...
קרעלען האָט אויך ז י געטראָגען
און עס הויבט דאָס הארץ אָן קלאָגען.

ליעבסטע! אַך ווי וואָלט איך וועלען,
זעהן דיך איצט אין יענע קרעלען,
און עס רינען טרערען מיינע
גרויסע, ווי די קרעלען דיינע!...

## חרטה

און וועסטו חרטה נאָך האָבען
און קומען צוריק,
דאַן וועל איך מיין צאַרען בעגראָבען
און נעהם אויף דאָס גליק!

איך וועל דיך נים פאַרשען, נים פרעגען —
ס׳איז אלץ, ווי א ווינד;
נאָר דו זאָלסט זיך אויך נים דערוועגען,
מיך פאַרשען, מיין קינד.

מיר וועלען בעל־תשובות גלייך ווערען
און וויינען זיך אוים,
און גאָט וועט אונז ביידען דערהערען —
זיין רחמים איז גרוים...

## די ערשטע גראָהע האָר...

**די** ערשטע גראָהע האָר האָט מיך דערשראָקען:
**אָ**, מיינע האָר!
ווען היינט איז איינע נאָר,
וועט מאָרגען, — ווינד און וועה, —
שוין גראָהע ווערען צוויי,
און איבערמאָרגען — דריי,
און נאָכדעם איז פערביי,
מיט מיינע שווארצע לאָקען!...

## קום!

קום מיר וועלען געהן צו די ליידענדע,
האָב ניט קיין מורא פאר זיי:
מענשען דאָרט זיינען די בעסערע,
שעהן גלאנצט אין ד'אויגען דער וועה.

ס'גלאנצען דאָרט אויגען ווי שפּיגלען,
שפּיעגעלט זיך אָב יעדער לייד...
וועסט דאָרט צום לעבענס פערפלאנטערניש
גיכער געפינען בעשייד.

קום, מיר וועלען געהען צו די ליידענדע,
אומעטיג איז סיי ווי סיי;
זוכסט דאָך דיר וועגען אלץ נייערע —
ליידען — נאָר זיי זיינען ניי!

## דאָס לעבען רופט

דאָס לעבען ציהט, דאָס לעבען רופט
מיט שטימען אַלערליי.
אין יעדען רוף, אין יעדער שטים
קלינגט אָפּ א פרעמדענס וועה...

דער וועג צו גליק, דער וועג צו פרייד
איז ערגעץ דאָ, געוויס;
דאָך מוזסטו פרעמדענס גליק אין גאַנג
צוטרעטען מיט די פיס.

עס איז א שאָד דעם צווייטען׳ס גליק,
דאָס גליק פון אר׳מע לייט,
וועל איך מיר אויסקלייבען א וועג
פערוואָרפען, אָן א זייט...

איך וועל מיר געהן אליין, אליין,
פון ווייטען — נאָהענט זיין;
וועל איך דערזעהן א גערטענדעל
וועל איך אין איהם אריין..

## אַך, שטאָלצעס הארץ מיינס...

(צייט־מאָטיוו).

אַ שטאָלצעס הארץ מיינס, גענוג זיך צו שעמען!
א סוף און אן ענדע!
און דאָס, וואָס דו האָסט פאר אן אמת געהאלטען
איז איצט א לעגענדע!

אזוי פיעל בעגעהרען, אזוי פיעל פערלאנגען
און גאָר נישט געקריגען,
און פון דיינע ווארהייטען אלע איז איצטער
געבליעבען איין ליעגען...

און אלע די זונען, וואָס האָבען געלויכטען,
זיי זיינען פערגאנגען;
און אלע די שטערען, וואָס האָבען געוואונקען —
מיט וואָלקענס פערהאנגען!

און וואָס וועט דיר העלפען פערמאכען די אויגען
און וויעדער זיך קליגלען? —
דו זעהסט דאָך, דער אדלער אליין איז פערבלוטינט—
צובראָכען די פליעגלען!...

## ביכער

די ביכער זיי בלייבען אונז איינציג,
ווען פריינד און געליעבטע פערלאזען,
ווען ווינדען פון איינזאמע וועלטען
אין צימער מיט קעלט צו אונז בלאזען.

די ביכער געשריעבען אין פראזע
זיי ווערען גלייך אונזערע ברידער,
אויך שוועסטער בעקומען מיר דעמאלט,
דאס זיינען די ביכער מיט ליעדער.

ס'איז דא צווישען זיי גאר פערשיעדען,
די ברידער און שוועסטער — א מענגע!
א טייל זיינען הארציג און טרייסטענד,
א טייל מאכען פארוואורפען שטרענגע...

א טייל זיינען יונגע, נאך קינדער,
און פילען דאס הארץ אן מיט גלויבען,
א טייל זיינען רייך און זיי שרייבען
אונז אב א ירושה דארט אויבען...

## בירגער

מיר לאכען פון בירגער, געוועהנליך,
און קוקען אויף זיי מיט פעראכטען,
ווי גראָה און געמיין און ווי קליינליך
דאָס לעבען ביי זיי מיר בעטראכטען.

דאָך בלאָנדזשענד ביי נאכט ווי געשפּענסטער,
אין דונקעלע איינזאמע גאַסען,
מיר קוקען אריין אין די פענסטער
צו יענע פון וועמען מיר שפּאסען.

אין צימער לויכט פרעהליך דאָס פייער,
א טאָכטער זיצט יונג ביי דער פּיאנע...
און דו, אָ, דו קלוגער, דו פרייער,
ביזט דעמאָלט די בירגער מקנא.

## צום אלטען יאהר.

פערגאנגענער יאהר, נעהם דאס פעקעל,
די בלוטיגע קליידער נעהם צו;
שוין גרייט איז די פוהר מיט'ן גלעקעל
און פאהר שוין, און לאז אונז צו רוה.

ווילסט זאגען וואס, ווילסט זיך געזעגענען,
מען דארף ניט... מיר קענען דיך גוט...
און ווערסטו דאס נייע יאהר בעגעגענען —
נעהם לינקס! ניט פערשפריץ איהם מיט בלוט!...

## דאָס „שטוב מיידעל“

(פראַגמענט פון אַ פּאָעמע)

פון פינף געריכטען איז דער מיטאָג,
ניט רעכנענדיג קאָמפּאָט צו לעצט —
און עסט איהר אָפּ, דאַן בלייבט איהר זיצען
און גענעצט אוים: וואָס טהוט מען יעצט?

דאָס מיידעל נעהמט פון טיש ארונטער,
זי איז דאָס שעהנסטע אין אייער הויז:
צוויי אויגען שווארצע, האָר ווי סאַמעט
און בענקשאפט קוקט פון איהר ארויס...

זי בענקט אהיים צו טאַטען, מאַמען,
די בענקשאפט פיהלט זי שטארק און טיעף,
און ווען איהר חראָפּעט נאָכ'ן מיטאָג
דאַן זיצט זי שטיל און שרייבט אַ בריעף.

איך קום אמאָל צו אייך, בעזוכען,
איך שמייכעל צו; וואָס קען מען טהאָן?...
איך פרעג מיך נאָך אויף אייערע קינדער,
וואָס געהען מיר די קינדער אָן?

איהר נעהמט מיך צו גאָר גוט און פריינדליך.
און פרעגט מיך אַלץ: וואָס וויל איך נאָך?
איך וויל דאָס זיסע ליעבע מיידעל —
בעפרייען זי פון שווערען יאָך.

## אין דער רוישענדער גאס

1.

א מענש איז געגאנגען אין רוישענדער גאס
און טרערען זיי זיינען גערונען
און טרערען זיי זיינען געפלאָסען:
פאר וואָס? אך, צי האָט ער די פרייד נישט פערגונען
צי האָט איהם פערדראָסען
די פרייד פון די מענשען? צי טראָגט ער דען האס?..
אך, וואָס איז דער מעהר
מיט דעם אָרימענ׳ס טרער?...

אך ניין, ניט דערפאר זיינע טרערען—פערקעהרט!
עס איז עפּים אנדערש די סיבה!
אך זאָלען די מענשען דאָ פרעהלאך זיך הוליען—
ער טראָגט צו זיי אלעמען ליעבע
און האָט נישט צו וועמען זיך טוליען!
ער בלאָנדזשעט ארום שטילערהייט,
זיין טרער איהם בעגלייט!

## דאָס הייזעלע

ס׳איז געווען א הייזעלע
נידעריג און קליין;
דאָך פערמאָגט דאָס הייזעלע
האָ אזוי פיעל חן.

ס׳האָט געדאכט זיך, אז עס לעבט,
רעדען אויך געקאָנט...
נאָר געשוויגען אלע מאָל,
קיין זאך ניט געמאָהנט!

ס׳דארף א הוט דאָס הייזעלע:
ס׳דארף א נייעם דאך,
ווייסט עס אָבער, ס׳איז ניטאָ
שווייגט עס, ווי קיין זאך!

גיעסט דער רעגען, ליידט עס שטיל,
ס׳הייזעלע איז קלוג...
שטעלט מען אויפ׳ן בוידעם אָן
עמערס, טעפּ גענוג...

אויף די פענסטערלעך צום גאס,
פּונקט ווי אויגען צוויי,
קוקען אלט און מאנכע שויב
פּעהלט שוין לאַנג אין זיי;

שויבען פּעהלען און עס דאַכט,
ס'הייזעלע איז בלינד,
קלעפּט מען מיט פּאַפּיער זיי אויס,
שפּיעלט מיט זיי דער ווינד.

שוואַך איז אויך א מאַנכע וואַנד,
שוואַך איז אויך דער גרונד,
שיט מען זיי מיט פריזבעס אָן,
ווערט'ס צוריק געזונד.

און עס לאַכט דאָס שטיבעלע,
וויים פון עלטער ניט,
און פון שטאַרבען טראַכט עס ניט —
שטאַרבען — גאָט בעהיט!

פריהלינג קומט — דאָס הייזעלע
ווערט ווי יונג צוריק;
ס'קומט א פויגעל פון דער ווייט,
פייפט: טשיריק, טשיריק!

און דאָס הייזעלע עס קוועלט,
נעהמט איהם פריינדליך אויף —
אויפ'ן דעכעל אויפ'ן שפּיץ
זעצט ער זיך ארויף...

און ער זינגט איהר ליעדעלעך
פון דער ווייטער וועלט
און דאָס הייזעלע הערט אויס
און דאָס הייזעל קוועלט...

## אין די קינדער-יאָהרען...

אין די קינדער־יאָהרען מיינע
האָב איך קשיות פיעל געהאַט,
פיעל געוועזען איז פערבאָרגען,
פיעל פערהוילען און ניט גלאַט.

נאָר נישט לאַנג זיך אָבגעגעבען,
נישט געגישטערט זיך צופיעל;
שווערסטע קשיות האָט פערענטפערט
מיר דער לייכטער קינדער־שפּיעל.

אויפ'ן הימעל יאָגען וואָלקען,
קליינע וואָלקענדלעך, ווי שניי,
אַך, ווער זיינען זיי, פון וואַנען —
און וואוהין פאָרט געהען זיי?

## 2.

און עס הויבט מיך און עס טראָגט מיך
און איך בין שוין ווייט פון דר'ערד.
נאָר אַט פּאַקט מיך א חבר יאשקע
און איך בין שוין גלייך זיין פערד;

און מיר יאָגען זיך און ציהען
ביז אין געסיל ווייט אראָב,
ביז'ן אלטען, ביז בית־עולם —
און מיט קשיות — פול מיין קאָפּ;

אַך, די אַלע, אַלע קברים
אזוי אַנגעזעעט און פיעל!...
און מיר בלייבען ווי דערשראָקען,
און די הערצער שטעהען שטיל...

אַך, ווער זיינען אַלע טויטע? —
ס'כאפּט מיך אָן א שרעק און וועה;
וועלען טאַקע פון די קברים
תחית המתים אויפשטעהן זיי?

חבר יאשקע! נעהם די לייצעם,
נאמיר לויפען ביז'ן וואלד;
און איך בין צוריק א פערדעל
און פערענטפערט ווערט אלץ באלד.

## פריהלינג אין קריעג.

שוין געלאָזען אלע טייכען
האָבען דאָרט אין לאַנד פון וועה.
וואָס זשע טראָגען דאָרט די טייכען
מיט אַ האסטיגען געשרעה.

שוין געפּעפּענט אלע טייכען,
פריהלינג איז שוין דאָרט געוויס,
וואָס זשע ברענגען זיי די מענשען
פון די נאָהנטסטע א געריס?

העי, געלאָזען אלע טייכען
האָבען דאָרט אין בלוטיג לאַנד:
פון דעם שטורעמדיגען וואסער
שטאַרט ארויס א פוס, א האנד.

אלטע טאַטעס, אלטע מאַמעס
געהט ארויס און ווארפט א בליק:
ס'האָבען אייך די פריהלינגס-טייכען
אבגעבראכט די זיהן צוריק...

*
*        *

אין מיין הארצען זינגט א ליעד
גאר פון צייטען לאנגע;
טענער שווערע, טענער באנגע —
הערען קען זיי קיינער ניט!

ווען איך וואלט עס אויסגעזונגען, —
אלע, אלע זאלען הערען,
וואלט די וועלט מיט וועה דורכגעדרונגען
און איך וואלט — גענעזען ווערען...

## טרוימערייי

איך בענק נאך אביסעלע שעהנהייט
איך וואנדער און זוך זי ארום;
נעשטארבען, פערדארבען די שעהנהייט —
אך מיאוס און טריעב אומעטום!

נון, וועל איך א בורא זעלבסט ווערען,
און שאף מיר די שעהנהייט אליין.
פון ווערטער בעשאף איך בת־מלכות,
מיט פנימער — צארט, מלא־חן.

בת־מלכות, גאר פיעלע בת־מלכות,
און אויגען זיי זאלען זיין בלוי,
און ליפען זיי זאלען זיין ראזע,
און פרישע, ווי בלומען נאך טוי...

איך לאז זיי ניט שטעהן אין מיין צימער,
מיין צימער איז ארים און קליין!
איך בוי פאר זיי אוים גלייך א פאלאץ,
די וועגד פון געשליפענעם שטיין.

און שפיגלען, געשליפענע שפיגלען,
בעהענג איך די וועגד אלע פיער,
און וואו איך וועל ווענדען די בליקען —
א בת־מלכה שמייכעלט צו מיר.

און אויסבעטען וועל איך די דילען
מיט טעפּיכען, אזש פון אָריענט,
און בעט די בת־מלכות זיך זעצען
און איך — אין דער מיט, אנגעלעהנט.

און היים זיי די האָר גלייך צענעהמען,
די האָר אזוי גאָלדיג, געדיכט,
און וועל מיך אין לאָקענס פערוויקלען,
פערבאָרגען פון וועלט מיין געזיכט...

*
*　　*

אין בין ניט קיין אלטינקער מלך,
דאך וואָלט איך, ווי דוד המלך,
געוואָלט אויך אַ תהילים׳ל שרייבען,
פאר שפּעטערע דורות זאָל בלייבען...

און פיעלע בעטריעבטע געמיטער
מיט הייליגע אַנגסטען און ציטער —
זיי זאָלען עס זינגען, די הארציגע טענער,
און ווערען געלייטערט און שענער...

*

* *

דו פרעגסט, וואָס איך מאַך?
ביטער און שלעכט!
טריב, איינזאַם די נעכט,
און טריבע די טעג, ווען איך וואַך..

ס'איז לויטער פערדראָסיג און לייד,
און בענקשאפט און צער — —
און ביז נאָך אַלץ נאַר
און גלויב נאָך און זוך נאָך די פרייד!

*
* *

זיי זיינען ניט ווערט, וואס איך האב זיי געליעבט —
איך האב זיי געליעבט אזוי שען;
זיי האבען גענארט מיך און האבען בעטריעבט
און נאכדעם געלאזט מיך אליין.

נו, בין איך איצט קליגער — איך יאג ניט נאך זיי,
איך קען, ווען איך וויל נאר, זיין הארט;
וואס שרייסטו, מיין הארץ, וואס טוט ווייעדער דיר ווער?
דו ווילסט דען צוריק זיין גענארט?...

*
*   *

שוין ווידער א פריהלינג מיט בלומען,
און שלייכט אזוי ווייך, אזוי צארט,
פונקט וואלט ער דאס ערשטע מאל קומען,
פונקט האט ער נאך קיינמאל גענארט...

נו, שלום־עליכם, דו שליח
פון זון און פון שטראלען און ליכט!
א, זיי זיך, מיין ליעבער, מטריח,
ענטפלעק מיר דיין וואהרען געזיכט...

*
*  *

איך האָב דיך גענומען צו ליעבען
אין ווינטער אין קאַלטען אין טריעבען;
געדענקסטו די ערשטע טעג, זיי?
געבליהט האָט די ליעבע אין שנעע!

געהאָפט, אז דער ווינטער וועט ציהען
און בוימער און גראָז וועלען בליהען...
און ווי איך האָב פריהלינג דערוואַרט
אזוי האָט די ליעבע פערדאַרט..

## ס׳דאכט מיר...

ס׳דאכט מיר ס׳עפענט זיך די טהיר
און מיין ליעבסטע געהט אריין,
און איך ווארף מיר גלייך צו איהר:
ביזט געקומען, קינד דו מיין!

און די קליינע שטעהט פערשעמט
ווי א גרויסער, שווערער חטא
און זי מורמעלט שטיל, געקלעמט:
זאג מיר, אפשר איז שוין שפעט...

ניין, מייז גוטע, שפעט איז ניט
כ׳האב ווי פריהער דיר נאך האלד,
דען די ליעבע אייביג בליהט
און איז אייביג ריין, ווי גאלד...

## דאָס צווייגעלע

(פון רוסיש)

אח, דו, ליעבע צווייגעלע,
וואו דען ווילסטו שווימען?
היט זיך פאר'ן בייזען ים —
ועסט אויף איהם אומקומען.

ס'וועלען דיך די פאליעס ווייט
ווארפען אַהן ערבארמען,
ווי מען ווארפט דאָ אויף דער ערד
דעם עלענדען און אָרעמען.

ס'וועט קיין ראנגלען העלפען דאָ,
ביזט אַלץ אין סכנות,
שווים־זשע, צווייגעל, ווייטער ניט,
האָב אויף זיך רחמנות.

— אָ, צו וואָס דאָס שוינען זיך,
כ'בין סיי ווי פערלאָרען:
אָבגעריסען פון מיין בוים
בין איך לאנג געוואָרען.

איצטער מעג מיך יעדער וועל
ווארפען הויך און ניעדער,
צוצוואוואקסען צו מיין בוים
קען איך שוין ניט ווידער.

## דער פרייער

קיינמאָל שרעקט איהם ניט דער מאָרגען,
נאָר דער היינט איז זיינער,
זיינע פריידען, זיינע זאָרגען
זענען העלער, פיינער.

פון א לעבען א געניטען
לויפט ער ווי פון פייער,
ווערן ווינדען האָטש איהם טוידטען, —
שטארבט ער דאָך א פרייער!...

## א פאָלקס צוג...

אַ, ציה זיך, ציה זיך אָרים־פּאָלק,
אַ, ציה זיך ווייט און לאַנג:
וועק אויף אין גאַס די טויבע לייט
מיט ליעדער און געזאַנג.
געה דורך די גאַס, געה דורך דעם מאַרק,
בעווייז ווי אָרימקייט איז שטאַרק!

אַ, ציה זיך, ציה זיך, אָרים־פּאָלק
און זינג און קלינג און רוף!
פון פיעלע שוואַכע, מיעדע לייט
ווערט א י י ן געזונטער גוף!
א גוף וואָס קעמפּפט מיט נייעם קראַפט
און נייע לעבענסוועגען שאַפט...

אַ, ציה זיך, ציה זיך אָרים־פּאָלק,
דיין צאָרען־ליעד הויב אָן.
דאָס ליעד, וואָס האָט געדרימעלט שטיל
פון לאַנגע יאָהרען אָן.
זינג אויס דיין וועה, זינג אויס דיין האַס
און זאָל דערמאָנען זיך די גאַס...

## די לעבענס-האַפטע

(פון׳ם דייטשען)

אונזער הארץ איז ווי א הארפע,
ווי אַ האַרף מיט סטרונעס צוויי,
אויף איין סטרונע טאַנצט די שמחה,
אויף דער צווייטער וויינט די ווייה...

און דעם מזל׳ס פינגער שפּיעלען
אויף דער האַרף די אייב׳גע קלאַנגען,
היינט א פרעהליך האָכצייט-ליעדעל,
מאָרגען שטילע גרוב-געזאַנגען.

# אידעאלען

עס הענגט די שענסטע פרוכט אַן בוים
און ווינקט דיר שמייכלענד צו,
דו שטרעבסט צום פרוכט, דאָך שטענדיג איז
דער בוים מעהר הויך ווי דו.

און דאָך דו שטרעבסט און שטרעבסט גאָר לאַנג,
ביז וואַן דו ווערסט שוין מאַט,
דאַן פאַלען ועט פיעלייכט אויף דיר
פון בוים א וועלקעס בלאַט...

# צייט ליעדער.

1896—1901

## עס גיעבען אין לעבען...

עס גיעבען אין לעבען
אפט פינסטערע טעג:
דו שלעפסט זיך און בלאנזשעסט
און ווייסט ניט קיין וועג.

בעגעגענסט בעקענטע,
זיי העבען די היט, —
דיין צער אויסצורעדען
דאך קענסטו זיי ניט:

עס ציהען זיך גאסען
און הייזער אהן שיעור, --
און ווייסט ניט וואו זאלסטו
אויפמאכען א טהיר.

אט שטעלסטו זיך נידער,
דו קלינגסט, דאכט זיך, אז,
נאר באלד אבער פרעגסט דו:
וואס וועסט דו דא טהאן?...

און פיהלסט זיך ווי איבריג,
און בלאנדזשעסט ארום,
א וועהטיג א טיעפער
אין הארצען נאגט שטום.

דאן לייקענסטו צאָרניג
אין לעבען, אין גליק;
דיר פליהט דורך אין מח
א טייך און אַ בריק...

און לאָזט זיך געהן גיכער, —
עס טרייבט דיך דער שרעק:
עס שרעקט דיך דאָס לעבען,
עס שרעקט דיך זיין ברעג...

## צו א געפאלענע פרוי

פייכטע, מאטע, מיעדע אויגען,
בלייכע באקען — אויסגעצויגען,
דארע איינגעפאלענע ברוסטען
מיט א הייזעריגען הוסטען — —
אויף וואס טויגסטו יעצט דער וועלט?

שוין פערוועלקט די שעהנע גליעדער,
און די ליעבע גוטע ברידער
וועלען שוין צו דיר ניט קומען, —
יונגע בלומען, פרישע בלומען
קריגט מען קויפען היינט פאר געלט!

*
* *

מענשען האָבען טיעפע הערצער.
אין די הערצער ליעגען פיעל
שעהנע, עהרליכע געדאנקען,
ריינעס, ליכטיגעס געפיהל.

נאָר עס קען א הארץ ניט רעדען
און עס מאַטערט זיך און קוועלט, —
און דאָס שעהנסטע, און דאָס בעסטע
בלייבען סודות פאַר דער וועלט.

* *
*

איך זינג מיינע לידער אין דונקעלער נאכט, —
עס האָט מיך א קראַפט א געהיימע ערוואכט...
מען שלאָפט!.. און צו קאָפּענס ליגט שמאַטעס א פּאַק.
דער זייגער קלאַפּט רוהיג טיק־טאַק און טיק־טאַק...
איך צעהל יעדע שטונדע פון זייגער, וואָס שלאָגט
און קוקט אונגעדולדיג אין פענסטער, צי ס'טאָגט.
איך זעה די לבנה, דאָס געלע געזיכט,
ווי טרויעריג לייכט זי, ווי קאַרג איז איהר ליכט!...
מיר דאכט זיך זי ראָט מיר: געה לעג זיך און שלאָף,
דער קאָפּ אין דעם קישען און חלום אָהן סוף!...
דאָך ווייס איך, אז הינטער'ן פינסטערן וואלד
בעוועגט זיך די זונן שוין, זי קומט אהער באלד!

* *
*

איך וואַרט אויפ'ן ליכטיגען טאָג, וואָס וועט קומען
מיט גאָלדענע שטראַהלען, מיט בליטהען און בלומען:
מיט פרישערע לופטען, אין וועלכע ס'וועט קלינגען
די פרעהליכע ליעדער פון פאָלק, וואָס וועט זינגען:
די פרעהליכע ליעדער, וואָס וועט ניט בעגלייטען
קיין זיפצען, קיין קרעכצען, קיין קלינגען פון קייטען...

* *
*

די לופט איז מיר ענג אין מיין צימער
און פינסטער פון לעמפּעל דאָס ליכט,
און פינסטערע שאָטען בעפאַלען
און הילען אין שוואַרצם מיין געזיכט.
איך קוק אויף די ווענד פון מיין צימער —
עס בלאָנזשעט מיין בליק אויף זיי אום;
וואָס זעה איך? נאָר שאַטענס און שאָטענס
און שטיל איז אַזוי אַלץ און שטום.
עס מעהרען זיך שאָטענס און שפּרינגען
און שטיל איז עס הערט זיך קיין קלאַנג;
אין האַרצען נאָר הער איך אַ זינגען,
אַ טרויריג־געצויגען געזאַנג.
דאָס זינגט דאָרט מיין יוגענד און קלאָגט זיך:
פערטראָגען קען זי שוין נישט מעהר!
עס ציהט מיך צו ליכט און צו פרייהייט
און דאָ — אַזוי דונקעל און שווער!...

* *
*

געה אויף מיין פערלאָשענער שטערען
פון אלטע פערגאַנגענע טעג;
איך געה און איך פאַל אין דער פינסטער —
בעלייכט מיר מיין זומפיגען וועג.
עס יאָגען מיך פינסטערע שאָטען
און שרעקען מיין זעעל אין מיין לייב:
געה־אויף, דו פערלאָשענער שטערען,
די פינסטערע שאָטען פערטרייב!
מיין ליעבע און האָפנונג און גלויבען
בעשטראַהל מיר, בעלייכט מיר צוריק...
געה־אויף, מיין פערלאָשענער שטערען,
ערוואַך, מיין פערלאָרענעם גליק!

## אין קישען

אין קישען בעהאַלט איך מיין פּנים,
איך נורע זיך איין טיעף און וויין;
דער איינציגער פריינד אין מיין לעבען
איז מיר נאָר דאָס קישען אליין.

געפּליקט האָט די פעדערען זיינע
מיין שוועסטער ביז שפּעט אין דער נאַכט, —
געפּליקט מיט א האַרץ א צופּליקטען
אין אומעט און עלענד פערשמאַכט.

וואו איז יעצט די שוועסטער פערוואָרפען,
וואו איז זי? ווער ווייסט וואָס זי מאַכט!
דערפאַר איז מיר טהייער דאָס קישען,
פייכט מאַך איך עס שטענדיג ביי נאַכט!...

* *
*

פיעל פינסטערע נעכט האָב איך ליעדער געשריעבען
און ריימען, ווי גאָלד און ווי פּערל געקליעבען.
זיי האָבען געלויכטען אין פינסטערער נאכט
און האָבען מיין לעבען נישט ליכטיג געמאכט !...

## דער נאכט-וועכטער

שפעט. די נאכט איז קאלט און פינסטער,
טרויעריג און נאס;
אין די הייזער רוהען אלע —
טויט און שטום אין גאס.

עלענד שלעפט זיך נאר דער וועכטער
אויף דער גאס ארום;
אין די שטילע הייזער קוקט ער
וועהמוטיג און שטום.

דארט אין ווייכען,ווארעם־בעטעל
שלאפט זיך אזוי גוט;
אוי, ווי וואלטען זיינע ביינער
דארט זיך אויסגערוהט!

און ער קלאגט זיך פאר'ן הימעל:
זעה מיין טרויער צו:
איך אליין האב גאר נישט, — היט איך
פרעמדענס גליק און רוה!...

*    *
*

ס'בערויבען מיך מענשען, ווי קלוגע, ווי שלעכטע, —
עס איז מיר דאס לעבען פערשטערט!
גערויבט האבען קלוגע מיין גליק דארט אין הימעל,
די שלעכטע — מיין גליק אויף דער ערד!...

## דאַס נייע ליעבע ליעד

—„וואַס וועלען מיר טהון אין די שפּעטערע טעג,
וואַס וועלען מיר טרינקען און עסען!“
—אַ, ליעבסטע, ניט פּלאָג מיט דיין פראַגע מיך איצט,
איך בעט דיך, דו זאָלסט זי פערגעסען.

עס האָט מיר געזונגען מיין באָבע אַ ליעד,
דאָרט וויינט אַ געליעבטע און בעט:
„אוי, לאָמיר, מיין ליעבסטער, ענטלויפען פון דאַן,
כ'וועל ארבייטען, וואשען חאָטש גרעט!

אוי לאָמיר, מיין ליעבסטער, ענטלויפען פון דאַן,
גרינג וועל איך פערטראָגען מיין פּיין:
כ'וועל ארבייטען שווער, און וועל שלאָפען אויף
שטרוי —
צוזאמען מיט דיר נאָר צו זיין“! —

עס שמייכעלט מיין ליעבסטע: דיין ליעדעל איז אַלט,
די באָבע זי איז שוין לאַנג טויט,
און איך בין נאָך יונג, און איך לעב, און איך זינג
אַ ליעד פון דער ליעבע אָהן נויט!...

## דער צוג

איך זיץ אליין, די נאכט איז שפעט —
עס קלעמט דאָס הארץ און דריקט מיר שווער,
ארום איז שטיל, נאָר פון דער ווייט
פייפט אויס דער צוג, איך זיץ און הער.

טרו—טרו—טרו—טרו! — ער רופט, ער רופט
מיין אלט בעקאנטער, ליעבער צוג,
טרו—טרו—טרו—טרו! — וואָס זיצסטו דאָ,
וואָס ליידסטו דאָ? גענוג, גענוג!

טרו—טרו—טרו—טרו—דו ביזט נאָך יונג,
דו ביזט נאָך יונג, געזונד און פריי!
טרו—טרו—טרו—טרו! גענוג די רוה!
טרו—טרו!... קום, וואנדער אויף דאָס ניי!...

## איך וויים א הויז

כ׳וויים א הויז—דארט פייפט דער דלות
און אין קוימען וויינט דער ווינד,
און עס שמאכט און מאנגעלט דארטען
ס׳גרויסע, ארעמע געזינד.

שווארצע, פינסטערע געשטאלטען —
אויף די באקען בלויז א הויט;
און עס הערט זיך פון די קינדער
ביז אין הימעל קולות: ברויט!

און א שכור איז דער טאטע
פון די קינדער ער ענטלויפט,
לעדיג געהט ער אין די גאסען
און ער פרעסט נאר און ער זויפט!

און עס זיצט די שוואכע מאמע,
א דערשלאגענע אהן מוטה,
און זי שרעקט די קינדער: שטילער!
ס׳געהט דער טאטע מיט דער רוט!

## די אָרימע כלה

עס שלאָפען אין קלייניגקען שטיבעלע אלע,
עס וואכט נאָר די עלטערע טאָכטער — די כלה.
די חתונה דארף ביי איהר זיין גאָר אין גיכען
און האָט נאָך נישט פערטיג געמאכט איהרע ציכען.
עס לויפט דורכען לייוועגד די נאָדעל געשווינד,
געדאנקען זיי יאָגען אין קאָפּ, ווי א ווינד:

ווי שווער איז דאָס בעטגעוואנט מיר אָנגעקומען!
עס האָט מיר מיין רוה און מיין שלאָף צוגענומען;
די פעדערען גאנצענע נעכט פלעג איך פליקען —
ווער ווייסט נאָך דעם מזל, ווער וויים נאָך די גליקען?
געשאפט יעדעס קישען מיט שוויים און מיט בלוט, —
וועל איך אויף זיי קאָנען האָטש ליגען בערוהט?

אָח, ווער איז מיין זווג? צי קען איך איהם גלויבען?
צי וועט ער דעם שלאָף ביי דער נאכט מיר ניט רויבען?
וועל איך ניט די קישען מיט טהרערען בענעצען
און אפשר אמאָל גאָר אויף ברויט זיי פערזעטצען? —
פערזעטצען, ווי ס'טרעפט אָפט ביי אונזערע לייט,
ווי ס'טרעפט מיט מיין מאַמען אין ביטערער צייט?!

## דער האַנדלער

(אַ וואַרשעווער ליעד).

אויסגעטהאָן פון זיך די שאַנד. —
מיט אַ זעקעל אין דער האַנד,
געהט ער אום פון הויף צו הויף,
הייבט די אויגען אַלץ אַרויף;
און ווי טרויעריג ער זינגט —
איבער'ן גאַנצען הויף עס קלינגט:
האַנדעל—האַנדעל!
זאָגט, — ווער זענט איהר, ליעבער איד,
וואָס פערצעהלט מיר אייער ליעד?
„כ'וואוין דאָרט אויף דער סמאָטשע גאַס,
אין אַ קעלער — פייכט און נאַס,
מיט אַ גרויס געזינד!
זומער קומט דאָרט נישט אריין
פון דער ליעבער זונן קיין שיין,
ווינטער — בלאָזט דער ווינד.
כ'געה מיין גאַנצען לעבען אום,
מ'הערט פון מיר נאָר, וואו איך קום:
האַנדעל—האַנדעל!
אוי, איך האָב נאָך ווערטער פיעל,
דאָך איך טראָג זיי אין דער שטיל —
קיינער דאַרף זיי ניט!

ווען איך קום אהיים ביי נאַכט
אָבגעמאַטערט און פערשמאַכט,
שיט איך זיי און שיט...

עט, וואָס האָב איך זיך פערערדט...
האָט איהר נישט אין אלטע בעט,
אלטע הויזען, אלטע שיך?
וואָס איהר ווילט נאָר האנדעל איך —
האנדעל, האנדעל!

* *
*

איך קוק אויף די בערג אויף די הויכע,
וואָס שטעהען, ווי העלדען אליין;
א ווערמוט נעהמט דורך מיין נשמה:
ווי בין איך ענטקעגען זיי קליין!

א ווערמוט נעהמט דורך מיין נשמה —
עס לויפט דאָך א וואָך נאָך א וואָך:
ווי קליין גאָר, וועט זיין יענעם בערגעל,
וואָס וועט מיך פערדעקען דערנאָך!...

## אין אַ גרויסער שטאָדט

איך קען מיר אין ערגעץ
קיין רוה נישט געפינען:
עס קלאפען די רעדער,
עס רוישען מאשינען.

פון טויזענד פאבריקען
דער רויך און די פארע
פערשטעלען דעם הימעל,
פערציהען מיט חמארע.

איך הער נאָר א טומעל
פון האנדלען פון דינגען, —
וואו זאָל איך מיר זעטצען
מיין ליעד פאר איך זינגען?

מיין ליעד פון דער ליעבע,
פון רוה און נחמה,
וואָס ליעגט טיעף בעהאלטען,
אין הארץ, אין נשמה!?...

## צום ווינד

אוי, וואָס קענסטו זיך ניט שטילען,
ווילדער ווינד?
וועמעס זיפצען, וועמעס קרעכצען
טראָגסטו ציגד?

צי דו האָסט געזאַמעלט אַלע
זיפצען פון דער וועלט,
און דו ווילסט זיי טראָגען, ברענגען
ביז צו גאָט׳ס געצעלט?

און דו ווילסט איהם דאָרטען וועקען,
שטערען איהם זיין רוה,
נאָר די שווארצע דיקע וואָלקען
לאָזען דיך נישט צו?

און עס ברענט דיין ווילדער צאָרען
פאר וואָס האָט
פעסט פערשלאָסען זיך אין הימעל
אונזער גאָט?!...

## די שטערען

איך קוק אויפ'ן הימעל ביי נאכט
מיט צעהנדליגער פראגען אין בליק:
די שטערענדליך פינקלען און לאכען,
און ענטפערען אב מיר צוריק:

וואס פארשטסטו, דו נארישער מענש?
וואס איז אזוי שווער צו פערשטעהן!
מיר האבען געלויכטען אזוי
נאך איידער דו ביזט דא געווען.

און ביזטו געקומען, איז וואס!
מיר לייכטען, וואס מאכט עס אונז אויס!
מיר ווייסען דיין לעבען איז קורץ —
עס לעשט, ווי א ליכטעל זיך אויס!

און אז דו וועסט שטארבען, אויך דאן
מיר וועלען אלץ לייכטען, ווי פריהר,
און לייכטען אלץ רוהיג און קאלט,
און גאר נישט געדענקען אן דיר! —

* *
*

כ'הער עס זאָגען
לייט און קלאָגען:
„אַח, די אָבגעלעבטע טעג,
זיי פערשווינדען
מיט די ווינדען,
און ניטאָ צו זיי קיין וועג!...

מיינע אַלטע
טעג די קאַלטע
לעבען אַלע, כ'זעה זיי דאָך,
און זיי ווינקען,
און זיי הינקען,
און זיי שלעפּען זיך מיר נאָך...

* *
*

כ'וויל נעמען פון לעבען
דאָס אַלץ, וואָס עס האָט:
זיין רוהם און זיין כבוד,
זיין שאנד און זיין שפּאָט;
די ליידען פון טייפעל,
דעם נחת — פון גאָט!...

* * *

איך וויל עס זאָל ריהרען
בעשטענדיג מיין ברוסט
פון העכסטע געפיהלען,
ביז נידריגסטער לוסט!

ניט פרעג מיך קיין מיינונג,
דו נאַר, אויף דער וועלט!
וואו לעבען בעוועגט זיך
אָט דאָרט מיר געפעלט!...

אָח, לעבען, אָח לעבען,
ווי האָב איך דיך ליעב!
און אַלץ וואָס דו האָסט נאָר
איך נעהם ביי דיר, גיעב!...

## אין וואלד!

קום אין וואלד, מיין ליעבער פריינד,
וואו עס סוד'ען זיך די בלעטער;
וואו עס אטהעמט פריי די ברוסט,
וואו ערקוויקענד איז דער וועטער.

קום, מיין פריינד! פון שטאדט ענטלויף,
פון גערידער, פון געטימעל;
דארט אין וואלד איז גרין די ערד,
גרין די ערד און בלאה דער הימעל.

קום אין וואלד, מיין ארמער פריינד,
וועסט פערגעסען אנגסט און ליידען;
הערען וועסטו דארט קיין פאלש:
נור פון גאט די פייגעל רעדען.

קום מיין פריינד! דו ביזט דאך קראנק:
מענשען האבען דיך דערעסען;
דארטען וועסט דו זיי ניט זעהן,
און דו וועסט דיין זארג פערגעסען!

## הערבסט

דער הימעל איז פינסטער, די ערד זי איז וויסט,
א רעגענדיל קאלטינקע טראפעליך גיעסט.
אין לופט, דאכט זיך, הענגט דארט א שווארצע קאטעדרע,
ס'לעזט עמיץ א לעקציע אויף „בראשית" דער סדרא.

ווי מאכטלאז, ווי פויל און ווי קאלט איז זיין לעזען:
„אזוי איז די וועלט פון אמאל נאך געוועזען:
נור תהו ובהו, און לעדיג און וויסט!" — —
א רעגענדיל קאלטינקע טראפעלעך גיעסט...

*  *
*

מיין פאָלק, איך האָב דיין שווערען מזל:
איך וואנדער זעלבסט, ווי דו, ארום,
איך לייד, ווי דו, אויך לייד און שאנדע
און ווער פערפינסטערט, וואו איך קום!

דאָך ביזטו גליקליכער — דיין גלויבען
בעלייכטעט דיר דיין פינסטערן וועג,
און לאנגזאם געהסטו און געדולדיג
וועסטו וועז קומען צו א ברעג.

איך האָב שוין אבער אלץ פערלאָרען!
— מיין פאָלק! ניט רעכען מיר די זינד —
איך זעה נאָר שווארצע וואָלקען יאָגען,
איך הער נאָר, ווי עס וויינט דער ווינד!...

* *
*

נישט אלץ האָב איך אייך אויסגעזאָגט
אין ליעד, אויף דעם פּאַפּיער —
אוי, וואונדען פיעל פערבאָרגענע,
זיי ליעגען נאָך אין מיר.

זיי זיינען סודות שרעקליכע,
כ'האָב אייך זיי נישט געטרויט;
זיי זענען פינסטער, ווי די נאַכט,
און גרויזאם, ווי דער טויט.

אַ, שטאַרבען וועלען זיי מיט מיר,
איך וועל זיי נעהמען מיט —
און זאָל אפילו פרעגען גאָט,
איהם זאָגען וועל איך ניט!...

* *
*

איך בין קיינמאָל סענטימענטאל,
איך בין א זוהן פון וואָך,
ענטציקט מיך ניט פון זונן־פערגאנג,
און זעלבע זאכען נאָך.
און דער לבנה'ס געלבען שיין
פערטרוי איך ניט מיין הארצענס־פיין.

איך האָב קיין גאָט צו קניה'ן פאר איהם,
דער הימעל איז מיר לעער,
און גיעט דאָס הארץ אמאָל א קלעם, —
דאָס אויג איז אָהן א טרער.
איך בין א זוהן פון וואָך און שטרענג:
קיין רומע שטיק, ווען ס'ווערט מיר ענג!

איך בין אן אָרמער מענש פון וואָך,
און דאָך, מיין פיעל געליעבטע, דאָך:
כ'געפין א שטיקעלע פאַפּיער
געשריבען לאנג פון דיר צו מיר
און קען אויף אויסוועניג שוין לאנג —
ווי ווערט מיר יומטוב'דיג און באנג!
און דאָס געשריפט צום הארץ איך דריק
און בענק און וויין פאר וועה און גליק!

*
* *

דאָס שענסטע ליעד־געזאַנג,
די שענסטע מעלאָדיען,
ניט זינג ביי'ם בליהען,
נאָר זינג ביים אונטערגאַנג.

דאָס בליהען, פריינד, איז שעהן,
עס זינגט און קלינגט אליין!
דער אונטערגאַנג איז וועה און מיד —
פערזינג, פערקלינג עס מיט א ליעד!

# אינהאַלט.

ערשטער טייל:

## אין מיטען וועג.


אין מיטען וועג — — — — — — — 7
דער פערלאָרענער גלויבען — — — — — — 8
הערבסט געדאנקען — — — — — — — 11
ווער ? — — — — — — — — — 12
ווי שטיל — — — — — — — — 13
א ראַט — — — — — — — — — 14
פּלוצלונג ווערט דיר אומעטיג — — — — — 15
דריי צייטען — — — — — — — — 16
לעבענס - אנגסט — — — — — — — 17
צווייערליי צער — — — — — — — 18
דאָס פערשפּעטיגטע ליעד — — — — — — 19
עס איז געווען... — — — — — — — 20
א ווייטער גליק — — — — — — — 21
פרייד און טרויער — — — — — — — 22
אויפ'ן ים — — — — — — — — 24
אויפ'ן וואסער — — — — — — — — 28
דער ניגון — — — — — — — — 29
וועמען ? — — — — — — — — — 30
א טראָפּען... — — — — — — — — 31
קענסטו ? — — — — — — — — — 32
מיין בעט — — — — — — — — — 33
אין קאָפּע — — — — — — — — 34
צו מיין גליק — — — — — — — — 36

דער בוים ביים פענסטער — — — — — — 37
איך האב אין לעבען... — — — — — — 38

צווייטער טייל:

## פון אייגענעם קוואַל.

אני מאמין — — — — — — — — 43
אויף א פערד א ווייסען — — — — — — 44
דער אוויווען — — — — — — — — 45
ביים גרעניץ — — — — — — — — 47
צווישען מויערען... — — — — — — — 48
יענע... — — — — — — — — — 50
אין דער היים — — — — — — — — 51
היימישע טעכטער — — — — — — — 52
צו א שולמית — — — — — — — — 53
אין מינוטען ווייסטע... — — — — — — 54
דער ערוואַרטעטער טאָג — — — — — — 55
דער טויט פון נביא — — — — — — — 56
דער פרעמדער — — — — — — — — 58
דוד'ס פידעל — — — — — — — — 59

דריטער טייל:

## ביבלישע מאָטיווען.

אין טאל — — — — — — — — — 63
אויף די בערג — — — — — — — — 65
די בלוטיגע שטאָדט — — — — — — — 66
פון ירמיה — — — — — — — — — 67

פון קהלת — — — — — — — — — — 69
הוי החוקקים — — — — — — — — — 74
דער שומר — — — — — — — — — — 75
שיר השירים — — — — — — — — — 76

פיערטער טייל:

# גאָט און טייוועל.

גאָט און טייוועל — — — — — — — — 81
דעם דיכטערס ירושה — — — — — — — 83
דער אמת — — — — — — — — — — 84
צו די הימלען — — — — — — — — — 85
די אָרימע — — — — — — — — — — 86
אין זומער — — — — — — — — — — 87
דער פויגעל אין שטייגעל — — — — — — 88
פאר'ן בילד — — — — — — — — — 89
צו א כלה — — — — — — — — — — 90

פינפטער טייל:

# ליעבע.

ניטאָ קיין האלט — — — — — — — — 93
פינף באהנען — — — — — — — — — 94
אויף דער פינפטער עוועניו — — — — — 95
די ביזט געוועז... — — — — — — — — 96
ווער? — — — — — — — — — — 97
איך וואלט וועלען... — — — — — — — 98

אה, וואס וועסטו זאגען? — — — — — — — — 99
ליעד און ליעבע — — — — — — — — — 101
נאך דיר... — — — — — — — — — 102
פון גדר — — — — — — — — 103
הערצער שפיעל — — — — — — — 104
צו... — — — — — — — — — — — 105
אין א זומער נאכט — — — — — — — 106
צו... — — — — — — — — — — — 108
אדיע — — — — — — — — — — 109
מיט טויזענד אויגען — — — — — — — 111
איינע פון מיינע געליעבטע — — — — — —112
זי קומט שוין ניט מעהר... — — — — — — 113
עס איז מיר אין לעבען — — — — — — 114
עס האט מיך דער פריהלינג גערופען — — — — 115
מלכות — — — — — — — — — — 116
צו... — — — — — — — — — — — 117
טייערע בילדער — — — — — — — 118
זיי א שוץ מיר — — — — — — — — 119
אין א שלאפלאזע נאכט — — — — — — 120
דער הימעל — — — — — — — — 121
קארטען שטיבלעך — — — — — — — 122
א געדאנק — — — — — — — — 125
הערבסט רעגען — — — — — — — — 126
איך האב זיי געגעבען — — — — — — — 128
פון שטאדט — — — — — — — — 129
אויסגעזונגען אלע ליעדער — — — — — — 130

דער איינגעשפּאַרטער — — — — — — — — — — 131
מיין ליעד — — — — — — — — — — 132
אין וואלד — — — — — — — — — 133
נאָך ליעבע — — — — — — — — — — 136
איך וויל נישט — — — — — — — — — 137
פריהלינגס - פרייהייט — — — — — — — — 138

זעקסטער טייל:

# אידישע מעלאָדיען.

דער תלמוד — — — — — — — — — — 139
כל נדרי — — — — — — — — — — 140
אין סכה — — — — — — — — — — 142
א האָר פון באָרד — — — — — — — — — 143
די פערדעטערין — — — — — — — — — — 144
חנוכה — — — — — — — — — — — 145
איך האָב ליעב — — — — — — — — — — 147
מיין קינד געוועזן... — — — — — — — — — 149
אויף קאראאול — — — — — — — — — — 150
צום רייכען ברודער — — — — — — — — — 152
צו... — — — — — — — — — — — 153
די ערשטע טעג — — — — — — — — — 154
איך זיץ — — — — — — — — — — 155
די עלטער — — — — — — — — — — 157
צום איינזאמען — — — — — — — — — — 158
דאָס בוימעלע — — — — — — — — — — 160
דער צופריעדענער — — — — — — — — — 161
זוז און פעלד און וואלד — — — — — — — — 162
ווען דאָס לעבען... — — — — — — — — — 163
גרינע — — — — — — — — — — — 164

זיעבעטער טייל:

# בונטע ליעדער.


א תפלה — — — — — — — — — 171
מאָדערנער ראָמאַנס — — — — — — — — 172
איך פיהל — — — — — — — — — 174
שטערען — — — — — — — — — 175
שבת אבענד — — — — — — — — 177
א דיכטער׳ס חלום — — — — — — — 179
אויף יענער זייט ים — — — — — — — 180
אייביגע זוכער — — — — — — — — 182
די ביבעל — — — — — — — — — 183
די צווייטע געליעבטע — — — — — — — 184
קרעלען — — — — — — — — — 185
חרטה — — — — — — — — — — 186
די ערשטע גראהע האָר — — — — — — 187
קום! — — — — — — — — — 188
דאָס לעבען רופט — — — — — — — 189
אה, שטאָלצעס הארץ מיינס — — — — — 190
ביכער — — — — — — — — — — 191
בירגער — — — — — — — — — — 192
צום אלטען יאָהר — — — — — — — 193
דאָס „שטוב מיידעל“ — — — — — — 194
אין דער רווישענדער גאַס — — — — — 196
פריהלינג אין קריעג — — — — — — 202
אין מיין הארצען זינגט א ליעד — — — — 203
טרוימעריי — — — — — — — — — 204
איך בין ניט קיין אלטינקער מלך — — — — 206
דו פרעגסט, וואָס איך מאַך — — — — 207
זיי זיינען ניט ווערטה — — — — — — 208

שוין ווידער א פריהלינג, מיט בלומען — — — — 209
איך האב דיך גענומען צו ליעבען — — — — 210
ס'דאכט מיר... — — — — — — — — — 211
דאס צווייגעלע — — — — — — — — 212
דער פרייער — — — — — — — — 213
א פאלקס־צוג — — — — — — — — 214
די לעבענס הארפע — — — — — — — 215
אידעאלען — — — — — — — — — 216

## אכטער טייל:

# צייט־ליעדער.

(1896—1901)

עס גיעבען אין לעבען... — — — — — — 221
צו א געפאלענע פרוי — — — — — — — 223
מענשען האבען טיעפע הערצער — — — — — 224
איך זינג — — — — — — — — — 225
איך ווארט — — — — — — — — — 226
די לופט איז — — — — — — — — 227
געה אויף מיין פערלאשענער שטערען — — — — 228
אין קישען — — — — — — — — — 229
פיעל פינסטערע נעכט — — — — — — — 230
דער נאכט־וועכטער — — — — — — — 231
ס'בערויבען מיך מענשען — — — — — — 232
דאס נייע ליעבע ליעד — — — — — — — 233
דער צוג — — — — — — — — — 234
איך ווייס א הויז — — — — — — — 235
די ארימע כלה — — — — — — — — 236
דער האנדלער — — — — — — — — 237

איך קוק אויף די בערג — — — — — — 239
אין א גרויסער שטאָדט — — — — — — 240
צום ווינד — — — — — — — — — 241
די שטערען — — — — — — — — — 242
כ'הער עס זאָגען — — — — — — — — 243
כ'וויל נעהמען פון לעבען — — — — — — 244
אין וואלד ! — — — — — — — — 245
הערבסט — — — — — — — — — 246
מיין פאָלק, איך האָב דיין שווערען מזל — — — 247
נישט אלץ האָב איך אייך אויסגעזאָגט — — — 248
איך בין קיינמאָל סענטימענטאל — — — — — 249
דאָס שעהנסטע ליעד־געזאנג — — — — — — 250